STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06486

GETRAKHT UN GELAKHT

Leo Kassner

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גע־טראַכט און געלאַכט

א זאמלונג פון צייט- און געלעגנהייט-
לידער, צום לייענען, פאָרלייענען,
דעקלאמירען, אמוזירען,
און אביסעלע
נאָכדענקען.



— פון —

כמעט א גאַליציאַנער
(דר. ל. קעסנער)

ארויסגעגעבען פון א גרופע פריינט פון דער
אידישער ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא
מאי, 1939

Copyright by
DR. L. KASSNER
Philadelphia, Pa.
1939

20

מיד־סיטי פרעס — פילאדעלפיא, פא.

איך דאַנק אייך!

האָב איך, הייסט עס, דאָך צוגעשטימט אַרויסצוגעבען אין בוך־פאָרם אַ טייל פון מיינע צייט־ און געלעגענהייט לידער, וואָס האָבען זיך פאר די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר געדרוקט אין פארשידענע צייטונגען און צייט־שריפטען — די מעהרסטע פון זיי אין „פאָרווערטס", אויף דער זונטאגדיגער הומאָר־פיידזש, אין קליינינקע אות'אלעך, וואָס מען רופט „פעטיט".

קיין גרעסערען דרוק האָבען זיי טאָקע ניט פאַרדינט. זיי זיינען, אָט די לידער מיינע, קליינינקע געדאַנקעלעך וועגען גרויסע צייט־פראַגען; ברעקלעך מאָמענט־שטימונגען וועגען קאָלאָסאלע היסטאָרישע פאַסירונגען; חלשות־טראָפּענס פאר נאַציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע תעניתים, פאַראורזאַכט דורך עקאָנאָמישע קריזיסען; הילפלאָזע טרייסט־ווערטער פאר ערד־ציטערנישען און וועלט־אונטערגאַנגען.

האָב איך זיי בעדאַרפט אַרויסגעבען אין אַ בוך?

איין גאָט און איין פריינד הערי בערגער, מענעדזשער פון פילאַדעלפיער „פאָרווערטס", ווייסען, אַז איך האָב זיך גענוג לאַנג געקווינקעלט, זיך געשלאָגען מיט דער דעה, ביז איך האָב ביי זיך געפּועלט אָנצונעהמען אָט די מתנה—אַ בוך פון מיינע צייט־לידער — וואָס אַ גרופּע פריינט פון דער פילאַדעלפיער באַוועגונג, מיט פריינד בערגער'ן בראש, האָבען באַשלאָסען מיר אונטערצוטראָגען צו מיין (מיט 2 יאָהר צוריק) 50 יאָהריגען יובילעאום.

נאָר פון דעסטוועגען—אַ דאַנק! בעסער אָדער ערגער— אַ בוך איז אַ בוך. און ווען ניט זיי, די גרופּע פריינט מיינע, וואָלט עס ניט געווען. און די פאַרשטויבטע פּאָליצעס פון דער אידישער ליטעראַטור וואָלטען געבליבען מיט איין בוך ווייניגער.

אנשטאָט צו הערען עס פון אנדערע, וועל איך עס בעסער אליין זאָגען: די לידער דאָ זיינען ניט „אייביג" און ניט „אונשטערבליך". עס פעהלט זיי נאָך אַ שיינע פּאָר טויזענט מיליאָן יאָהרען ביז צו דער אייביגקייט. זיי זיינען ניט מעהר ווי צייט — אונזער צייט, אייער צייט, זייער צייט. און אויב זיי וועלען פארשוואונדען און פארגעסען ווערען צוזאַמען מיט אָט דער צייט אונזערער—וועט עס מיך אסור ארען. ווי דערלעבט מען עס שוין, איך מיין, דאָס פארשווינדען פון דער היינטיגער צייט! איך וואָלט איהר מיטגעגעבען אלע טויזענט לידער מיינע, וואָס איך האָב וועגען איהר אָנגעשריבען, אבי זי זאָל זיך אָפּטראָגען פון אונז.

נאָר איין זאַך וואָלט איך ניט וועלען, אז עס זאָל פארשווינדען פון מיינע לידער. און דאָס איז: דער שטילער, טיפער, ביטערער פּראָטעסט, וועלכער וויברירט אין מיינע טרייסט־ און מונטער־לידער געגען די ליטעראַרישע און פּאָעטישע קלאָגמוטערס און מרה שחורה'ניקעס אונזערע, וואָס קראַקען ווי שווארצע ראָבען אין די פענסטער פון אונזער גרויסען פאָלק־אומגליק און ווילען אונז רק טרייבען צו משוגעת און זעלבסט־פארניכטונג. דאָס זיינען, אין מיינע אויגען, ניט קיין אידען, מעגען זיי אָנשרייבען הונדערט ביכער אויף אידיש. אזעלכע „אידען" זיינען אונזערע אינעווייניגסטע שונאים, און זיי זיינען פאר אונז נאָך געפעהרליכער, ווי די דרויסענדיגע.

און אויב אזוי, האָט שוין, הייסט עס, אָט די זאַמלונג לידער מיינע יאָ אַ שטיקעל צוועק און מיסיע: אפשר וועלען זיי דינען אלס אַ מין סאָרט געגען־גיפט געגען יענע פּאָעטישע און דראַמאַטישע אויסגוסען, וואָס גיסען זיך אויף אונז ווי זודיגע טייוועלסקויט פון אַ מכשפה־קעסעל און פאר'שרפ'ענען אזוי פיעל נאַאיווע מוחות און הערצער אויף אונזער אידישער גאַס.

ענטשולדיגען זיי!

קיין ליד אין דער דאָזיגער זאַמלונג איז ניט געבווירען גע־וואָרען „צופעליג", פון גאָרניט, פון בלויזער „אינטואיציע". אַלץ איז געקומען דורך עפּעס א דרויסענדיגער סיבה, א פּאַ־סירונג, אַן אַנרעגונג; אָפט דורך א שטיקעל נייעס, אַן אַפאָריזם, א ליד, א וויץ, וואָס איך האָב צופעליג, אין יענעם מאָנאַט, געלעזען אָדער געהערט. וואָס און ווען דאָס איז געווען— געדענק איך שוין ניט.

דאָרט וואו כ'האָב געדענקט, אַז ס'איז ניט אין גאַנצען מיין אייגענס, האָב איך עהרליך אָנגעמערקט: „נאָכמאַכונג", „מאָטיוו געלקחנט", „איבערזעצט".

עס קען אָבער גרייליך געמאָלט זיין, אַז אין דעם בוך זאָלט איהר געפינען נאָך עטליכע זאַכעלעך, וואו די פאָרם אָדער דער מאָטיוו איז „אַנטליהען", נאָר איך געדענק ניט מעהר פון דאַנען ביז אַהין.

אין דעם פאַל קען איך נאָר זאָגען: ענטשולדיגען זיי! מיין קאָפּ איז ווי די היסטאָריע. מיר האָבען ביידע לעצטענס גע־קראָגען זעהר א שוואַכען זכרון.

—דער מחבר

פריהלינג

זומער

אָסיען

ווינטער

אַפּריל

פון דער זון'ס יונגען קוש,
דעם האָפּערדיג־שטאָלצען,
ווערט ס'לעצטע ביסעל קעלט
פון נחת צעשמאָלצען.
די ערד קריכט אַרויס
פון איהר פראָסטיגען דרימעל,
און עפענט איהר שויס
צו דעם ליכט־שטראַהל פון הימעל.

א פייכטער גלאַנץ ליגט
אויף בושעס און שטיינער,
דער שלעפעריגער בוים
קנאַקט אויס זיינע ביינער.
ס'איז נאָס יעדער צווייג,
אין טוי אויסגעבאָדען,
די גאַנצע נאַטור
עפענט פענסטער און לאָדען.

און אַלץ אויף דער וועלט
פון מענשען ביז בלומען,
אַלץ וואַשט זיך און פּוצט זיך
מיט פאַרב און פּאַרפיומען.
און די כלה, די ערד,
אין פאַריונגטען פאַרלאַנגען,
איז גרייט איהר באַשערטען,
דעם מאַי, צו עמפּפאַנגען.

דער פריהלינג

דער פריהלינג איז א ליבער גאַסט,
ער פאַלט ניט קיינעם ניט צו־לאַסט.
אוואו ער קלאַפּט נאָר אָן אין טיר,
מען ענטפערט: קום אריין צו מיר!

מען נעמט איהם אויף מיטביידע הענט,
ווייל יעדען ברייגגט ער א פּרעזענט.
ער קומט ניט מוסר'ן, ניט פּרעדיגען,
און קומט צו קיינעם ניט מיט לעדיגען.

דעם ברענגט ער ליבע, פרייד און לוסט,
און יענעם—האָפנונג אין דער ברוסט.
א דריטען ברענגט ער טרייסט און מוט,
און וועקט די יוגענד אין זיין בלוט.

און ליכט און בלומען ברענגט ער גלייך
פאַר אַלעמען, סאַי אָרעם, סאַי רייך.
עס איז ביי איהם קיין חילוק ניט:
א ריעז, א פליג, א גוי, א איד.

צי קליין, צי גרויס, צי ווייס, צי שוואַרץ—
ער קושט זיי אַלעמען אין האַרץ,
און קרעפטיגט יעדען וואָס איז מיד,
מיט זון און לופט, און מיט א ליד.

* * *

דער פריהלינג איז א מאָדנע בלום,
ער בליהט און דופטעט אומעטום.
אפילו איבער קברים גלאַנצט ער,
אפילו צווישען מתים טאַנצט ער.

אפילו אין דעם נאַצי־לאַנד,
באַלויכט דער פריהלינג דייטשלאַנד'ס שאַנד.
ער קוקט אריין אין יעדען פענסטער
וואו ס'פינסטערען דיקטאַטור־געשפענסטער.

ער לאַכט פון זיי מיט העלען שפּאָט,
ער בלאָזט אויף זייער שוואַרצען גאָט,
און זאָגט צו איהם: „איך בין דער פריהלינג!
אַז איך וויל, קריגסטו אַ פאַרקיהלונג . . .

„איהר ווערים!—טאַנצט ער און ער לאַכט—
איהר קענט ניט מאַכען אייביגע נאַכט.
נאָך נאַכט קומט טאָג, נאָך ווינטער—מאַי,
די זון ווערט אייביג ווידער נײַ.

„פאַרשווינדען וועט די שוואַרצע פּלאָג,
דאָך אייביג לעבט דאָס ליכט פון טאָג.
ווייל ליכט איז לעבען! ווער עס לעבט,
צו ליכט און פרייהייט אייביג שטרעבט.“
—אַפּריל 7, 1935

סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט

דער מאַי מיט זיין בעז
האָט באוויזען אַ נס:
מיין שכן, מר. רידעל,
דער וואָס שפּילט אויפ׳ן פידעל
סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט,
האָט אויפגעהערט צו שפּילען,
ווייל ער׳ט אָנגעהויבען פּיהלען,
און ער געהט אַרום פאַרשמאַכט
סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט,
און ער טראַכט און ער טראַכט
(פון איהר).

אויך מיין שכנה, די בעס,
אין דער דורכזיכטיגער דרעס,
(צוליעב וועלכער כ׳האָב שוין שיער ניט
אַמאָל גענומען די געז),
שפּילט מעהר ניט קיין דזשעז
סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט
(אויף דער ראַדיאָ),
נאָר זי געהט אַרום פאַרשמאַכט
און זי וויינט און זי לאַכט
און זי טראַכט און זי טראַכט
(פון איהם).

אויך מיין אייגענער הויקער,
מיין ווייבעל באַשע פריידע,
שפּילט מעהר ניט קיין פּויקער
און פאַרשפּילט ניט מיין „פּעידע",
נאָר זי געהט אַרום פאַרשמאַכט
סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט,
און זי טראַכט, און זי טראַכט
(פון ועמען?)

מאַי־ליד

עס איז נאָך קיין מאַי ניט,
סאַידען איהר פיהלט,
ווי אין אייערע בלוטען
זינגט און שפּילט.

עס איז נאָך קיין מאַי ניט,
סאַידען איהר שפּירט,
אַז איהר קענט יעדע רגע
ווערען פאַרפיהרט.

עס איז נאָך קיין מאַי ניט,
סאַידען איהר טראַכט,
פון פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך
אין פּאַרק ביינאַכט.

עס איז נאָך קיין מאַי ניט,
סאַידען איהר קלערט:
עס וואַרט שוין וואו איינע
וואָס איז מיר באַשערט.

עס איז נאָך קיין מאַי ניט,
סאַידען איהר ווייסט,
אַוואו זי וואוינט
און ווי אַזוי זי הייסט.

אַ טאָג אין מײַ

די לופט איז פריש און געווירציג,
די גראָזען שמעקען שוין שטארק.
אַ מאַן פון אַ פינף און פערציג
זיצט אויף אַ באַנק אין פּארק.

עס פליהען באַשעפטיגט די פויגעל,
אין פּאָרלעך אַהין און אַהער.
אַ הערשיכע ווינקט מיט אַן אויגעל
צו אַ שטאָלץ־געהערנערטען „ער".

עס געהט פארביי אַ פאַווע,
זי גלאַנצט, זי שימערירט!
און ווי אַן אמת'ע חוה
זי דרעהט זיך און קאָקעטירט.

אַ בליהונג, צארט און איידעל,
מען זעהט שוין אויף צווייגען און לאָנקעס;
אַ אינגעל מיט אַ מיידעל,
זיי געהען באַקוקען די מאָנקעס.

דער לייב הינטער אייזערנער גראַטע,
ווי ווילד־ראָמאַנטיש ער שרייט!
עס ווילט זיך איהם ווערען אַ טאַטע!
ער ווייסט, ס'איז געקומען די צייט.

עס זשומען די ערשטע פליגען,
און איינע די אַנדערע רופט,
זיי יאָגען זיך מיט פארגעניגען
און פּאָרען זיך אין דער לופט.

דאָס טייבעל גליטשט זיך און שפּילט זיך—
איז עס אַ ווייב, צי אַ מאַן?—
און אין זיינע וואַסערען קיהלט זיך
אַ שטארק צעהיצטער שוואַן.

דער שלאַנג באַוועגט מיט'ן צינגעל,
ער דענקט ניט איצט פון סם.
און אויב ער איז נאָר אַ אינגעל,
ער וויל אַ קוש מן הסתם.

אַפילו די טשערעפּאַכע,
וואָס פּיהלט ניט, דאַכט זיך, קיין זאַך,
זי שלעפּט זיך אַ שווערע, אַ פּלאַכע,
צו איהר מיסטער טשערעפּאַך.

און איבער אַלץ—אַ הימעל
אין בלויען ליכט־קאָליר,
פאַר'חלומ'ט, ווי אין דרימעל,
ער קוקט אויף מענש און טיער.

דער מאַן אין די מיטעלע יאָהרען,
ער זיצט אין פּאַרק אויף דער באַנק,
„ווי ווייט בין איך שוין פאַרפאָהרען?"
פאַלט איהם איין אַ געדאַנק.

„דו שטעהסט איצט אין מיטען לעבען,
געטרונקען ערשט האַלב פון דיין כוס,
דו קענסט נאָך נעהמען און געבען—
דאָך ניט מעהר אָהן אַ מאָס.

„אַ העלפט פון דיין וועג איז נאָך אָפען,
נאָר יאָג ניט אין ווילדען געיעג;
ווייל דאָס וואָס עס האָט שוין געטראָפען,
דאָס ליגט ווי אַ שטיין דיר אין וועג.

„אָ, מאַן אין די מיטעלע יאָהרען,
ניט קוק אויפ'ן הירש און האָז.
דו מוזט שוין אָנפאַנגען שפּאָרען
און לעבען מיט חשבון און מאָס.

די גלייכסטע זאַך איז, פאַרבינדען
דעם שכל מיט די געפיהלען,
און לאָזען פון הארצען זיך צינדען,
און פון פאַרשטאַנד זיך קיהלען".

אַמאָל אין מאַי

אַמאָל אין מאַי
איז אַנדערש געוועזן.
איהר קענט עס אין אַלטע
ביכער לעזען.

אין יענע צייטען
אין מאָנאַט מאַי,
איז ווירקליך די וועלט
געוואָרען ווי ניי.

דאָס הארץ איז געוואָרען
ברייטער און פרייער,
און איין מענש דעם צווייטען
איז געוואָרען טייער.

אין יעדען זונשטראַהל,
וואָס איז געפאַלען,
האָט שימערירט
דאָס גאָלד פון אידעאַלען.

פרייהייט איז געווען
די קרוין פון לעבען,
און יעדער איינער
האָט געוואָלט נאָר געבען . . .

„נאַ דיר אוועק
מיין גאַנצע גדולה
פאַר אביסעל פרייהייט
און מענשהייט־גאולה!

„איך גיב דיר מיין לעבען
מיט פאַרגעניגען,
אבי גערעכטיגקייט
זאָל זיגען!“

די לופט איז געווען דאָן
פול מיט לידער
פון פריינד צו פריינד
און ברידער צו ברידער.

מ'האָט זיך געקריגט
לשם שמים,
און באַלד זיך צעקושט
און געוואונשען לחיים.

און פאַר די אויגען—
אַן איבעריגער חלום
פון וועלט־דערלייזונג
און ליבע און שלום!

און יעדענס האַרץ
האָט געפּיהלט צום טאַקט,
אַז אָט־באַלד ווערט
אונזער חלום—אַ פאַקט!

איצטער שטעה איך
אין גאַס און שריי:
וואו איז אַוועק
אָט יענער מאַי?

וואו איז די זון
וואָס האָט אונז געוואַרעמט?
וואו איז די ליבע
וואָס האָט אונז אומאַרעמט?

וואו זיינען אַלע
פייגעל פון וואַלד,
וואָס האָבען געזונגען:
„אָט באַלד! אָט באַלד!“

זיינען מיר אַלע
געוואָרען אַלט,
אָדער די זון
איז געוואָרען קאַלט?

האָט טאַקע שוין
געזיגט דיקטאַטור
און איבערגעאַנדערשט
די גאַנצע נאַטור?

איז די פרייהייט
שוין טאַקע געשטאָרבען,
און ניטאָ שוין פאַרוואָס
צו ברענגען אַ קרבן?

האָבען די פעלקער
געוואָרפען די וואַפען,
און זיינען צופרידען
צו לעבען ווי שקלאַפען?

וואָס האָט פּאַסירט—
איך שטעה און שריי—
מיט אונזער ליכטיגען
מאָנאַט מאַי?

מאַי—1938

און ווידער איז מאַי,
דער גאָלדענער מאַי,
און איטליכען דאַכט זיך:
די וועלט ווערט ניי.

און איטליכען ווילט זיך
מיט לייד און לוסט
אַרויסשרייען אַלץ,
וואָס פּרעסט אויף זיין ברוסט.

אוי, האַרץ פון דער וועלט,
ווי קלאַפּסטו מיט האַסט!
ווי אָנגעלאָדען
דו ביסט מיט לאַסט!

אוי, האַרץ פון דער וועלט,
ס'איז ווידער מאַי!
שטרענג זיך אָן און פּרוביר
צו אָטעמען פריי!

דער הימעל איז בלוי
ווי בלויער אַזור,
ס'זינגט און קלינגט
אין דער גאַנצער נאַטור.

ס'וואַקסט און בליהט
און פאַר'שכור'ט די לופט
מיט בלענדענדע פאַרבען
און באַרוישענדען דופט.

ס'לאַכט און ווינקט
אַרום און אַרום—
אוי, האַרץ פון דער וועלט,
ווי קענסטו זיין שטום?

עפען זיך אויף,
פאַרשלאָסען געמיט,
און זינג מיט מיר,
צום פריהלינג א ליד!

עס איז ניט מעגליך,
עס קען ניט זיין,
אז אָט דאָס אלץ,
איז א פאַלשער שיין.

אזוי פיעל יוגענד,
אזוי פיעל גליק;
אזוי פיעל ליבע
אין יעדענ'ם בליק!

צי קען דאָס אלץ זיין
א פאַלשע שפיעל,
בלויז אָפּצונארען
דעם מענשענ'ם געפיהל?

נאַטור איז אמת,
נאַטור איז עכט,
און גאָט און זיין משפט
איז גערעכט.

אוי, הארץ פון דער וועלט,
קלאַפּ גרינג און פריי!
דו שפירסט די פרישקייט?
ס'איז ווידער מאַי!

דער פויגעל טרעלערט
פאַר מיר און דיר,
און ס'טייבעל זינגט אונז
א פרייהייט־שיר.

די בלום שיקט באַלזאַם
פאַר אונזער וואונד,
און ס'ווינטעל גלעט אונז:
„נו, ווערט שוין געזונט!“

אוי, וועלט אין טרויער,
הויב אויף דיין געזיכט,
און גרים מיט האָפנונג
דאָס נייע ליכט.

עס בייט זיך אַלצדינג
אין שטראָם פון צייט,
פאַר דיר קומט אויך באַלד
אַן איבערבייט.

עס קען קיין מאַכט ניט,
צי אַלט, צי ניי,
פון לעבען אָפּשאַפען
זון און מאַי.

איצט איז די צייט

צווישען מאַי און יוני
איז די רעכטע צייט
אַז דו זאָלסט זיך, האַרץ מיינס,
פיהלען ווי באַפרייט.

אין דער צייט, ווען אַלצדינג
בליהט און זינגט און ליבט,
ווער קען איצט אַרומגעהען
ברוגז, שטום, באַטריבט?

רויזען, וועלכע קענען
איצט ניט ווערען רויט,
וועלען שוין אויף אייביג
בלייבען גרוי און טויט.

הערצער, וועלכע קענען
זיך ניט עפענען היינט,
בלייבען שוין אויף אייביג
עלענד, אָהן אַ פריינד.

ווער עס קען אַצינדער
בלייבען שטיל און קיהל,
וועט שוין קיינמאָל פיהלען
דאָס, וואָס איך איצט פיהל.

כ'קען אַצינד ניט ליידען
קיינעם, וואָס איז קאַלט,
און איך וויל פון יעדען,
וועלכער פיהלט זיך אַלט.

יאָהרען זיינען גאָרניט
צווישען מאַי און דזשון,
ווען דו טרינקסט מיט חשק
פריהלינג־לופט און זון.

קוקט ניט, ברידער, שוועסטער,
אויף דעם קאַלענדאַר,
ווער עס פיהלט איצט אַלט זיך,
יענער איז אַ נאַר.

ס׳איז נישטאָ קיין אַלטקייט
אין אַ צייט ווי איצט,
ווען פון טויזענט קוואַלען
לעבענס־אימפּעט שפּריצט.

אין אַ וועלט פון וואַקסען,
טראַכט ניט פון פאַרגעהען.
אַלץ אַרום באַוועגט זיך—
ווער קען בלייבען שטעהען?

דרעה זיך מיט׳ן רעדעל,
טאַנץ אין קאַראַהאָד!
דו אַליין—דיין גואל,
דו אַליין—דיין גאָט!

רייס זיך פון דיין אומעט,
וואָס עס זאָל ניט זיין,
גיס זיך אָן אַ בעכער
פון דעם פריהלינג׳ס וויין!

איצטער אָדער קיינמאָל!
טרינק זיך אָן צו זעט,
איידער, נאָך אַ ביסעל,
און עס ווערט צו־שפּעט.

ווייל די צייט פון בליהונג
קורץ איז ווי אַ טרוים
און דער כוס פון לעבען
איז דריי־פערטעל—שוים.

ווערטער, וועלכע בלייבען
איצטער ניט גערעדט,
באַקען, וועלכע בלייבען
איצטער ניט געגלעט;

ליפּען, וועלכע בלייבען
ניט־געקושט אויך היינט;
זעעלען, וועלכע בלייבען
אויך איצט אָהן אַ פריינט—

אַך, איהר טויטע זעעלען,
ווי איהר טוט מיר לייד!
קיינמאָל וועט איהר שוין ניט
פיהלען יענע פרייד.

יעדע זאַך איז דאָס נאַר,
וואָס מען שטעלט זיך פאַר,
פריהלינג געהט מיט ליבע
אויף ביי גרויע האָר.

טויזענד בלומען רופען—
היינט איז אונזער צייט!
איידער פרייד און האָפענונג
פאַהרען אין דער ווייט.

האַרץ טו־לעט

אַט, נאָך אַ פּאָר וואָכען,
און מיר האָבען שוין מאַי.
זייט וויסען, איהר מיידלאַך,
אַז מיין הארץ איז איצט פריי.

איך האָב אין מיין „זעעלע“
לכבוד דעם מאַי
געמאַכט אַ „ספּרינג קלינינג“
און זי קוקט אויס ווי ניי.

איהר׳ט גאָרנישט דערקענען
אצינדערט מיין „הערץ“!
כ׳האָב עס איבערגעפארבט
מיט נייעם ליבעם־שמערץ.

און אויסגעראמט פון דאָרטען
אַלע אַלטע שמאַטעס,
און אויף די צעריסענע געפּיהלען
געלעגט נייע לאַטעס.

און פאנאנדערגעעפענט
אַלע פענסטער און טירען,
פאר נייע „אייביגע ליבעס“
צום אריינשפּאַצירען

זייט וויסען, אַלזאָ, מיידלאַך,
אַז די וועלט איז ווידער ניי,
און מיין הארץ איז ווידער פריי
און איהר קענט דאָרט וואוינען אָהן רענט
דעם גאַנצען מאָנאַט מאַי.

זומער אין די היצען

גרויסע היצען קומען אויף דער וועלט,
יעדער זיצט צעהיצט אין זיין געצעלט.
יעדער קרעכצט און שוויצט:
אוי, וואו נעמט מען איצט
אביסעל קעלט!

אָבער קעלט איז אויך ניט אזוי גוט,
יאָ, דערמאנט זיך נאָר אויף א מינוט!
הערט נאָר, איהר פארגעסט
יענע גרויסע פרעסט,
וואָס פרירען ס׳בלוט?

איהר געדענקט נאָך יענעם גרויסען פראָסט,
וועלכער האָט אזוי פיעל אָפּגעקאָסט?
דעמאָלט (אָהן א וויץ)
האָט איהר נאָך דער היץ
גע׳חלש׳ט, פראָסט!

מאמע זון האָט אייער וואונש דערהערט,
און אייך אָנגעוואָרעמט גוט די ערד.
וואָס־זשע קרעכצט איהר, וואָס?
איהר׳ט געקראָגען דאָס,
וואָס איהר׳ט באַגעהרט!

אוי, די מענשעלעך, געמאַכט פון שטויב!
שווער צופרידען שטעלען אָט די דרויב.
גאָר ניט ווי דאָס איז,
איז דאָס פול קאַפּריז
און איבערקלויב.

אייביג פּיעסטעט זיך עם ביי זיין גאָט,
גיך ווערט נמאס איהם דאָס, וואָס ער האָט.
קריגען וויל ער טעגליך,
דאָס, וואָס איז ניט מעגליך,
דער אידיאָט!

גיט איהר איהם אַ בּארג—ער וויל אַ טאָל!
דער היינט טויג ניט—גיט איהם דעם אַמאָל!
ס'אייגענע ווייב באַטריבּט ער,
אָבער אנדערע ליעבט ער
אָהן אַ צאָהל.

ווי איהר זאָלט איהם לעגען, איז איהם שלעכט.
ער איז „קראַנק", סיי אַלס האר און סיי אַלס קנעכט.
שעלטען אָדער בּענשען—
שווער איז צו אַ מענשען
זיין גערעכט.

זומער וויל ער ווינטער, און פארקעהרט.
ווען ס'איז שלום, בּענקט ער נאָך דער שווערד.
לעבּט און שטרעבּט אָהן רו,
ביז עס דעקט איהם צו
אַביסעל ערד.

איצטער איז איהם הייס, דעם באַלעבאָס.
שטעהט ער און ער קרימט אויף גאָט דעם נאָז.
יאָ, איך וויים, איך וויים,
זומער איז גאַנץ הייס,
נו, איז וואָס?

פיהלסטו דען פיעל בעסער ווען ס'איז קאַלט?
שרייסטו דען ניט ווינטער אויך: אוי, גוואַלד!
מענטשעל, מענטשעל, מענטש,
ליג זיך אין דיין טרענטש,
און באַדער ניט!

אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי

נאַקעטע פּלייצעס גלאַנצען
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי,
און מענער און ווייבער טאַנצען
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
מישען זיך מענער און ווייבער
מיט הענט און פיס און לייבער,
און טראָגען זיך מיט דער כוואַליע
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

קולות, געשריי און געלעכטער
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
עלטערען, זיהן און טעכטער,
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
ביידע געשלעכטער אינאיינעם—
קיין זינדיגע געדאַנקען ביי קיינעם,
ווייל אַלעמען קיהלט די כוואַליע
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

ניטאָ קיין זינד און קיין זאָרגען
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
ניטאָ קיין נעכטען, קיין מאָרגען,
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
מיר שווימען, מיר פליהען, מיר שוועבען!
דאָס גאַנצע געוויכט פון לעבען
אַנטלויפט מיט דער לויפענדער כוואַליע
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

ניטאָ קיין רייך און קיין אָרעם
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
קיין מזרח, קיין מערב, קיין דרום
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

ניטאָ קיין אויבען, קיין אונטען
אין ים מיט זיינע גרונטען,
ווייל יעדער איז נאַקעט און הילפלאָז—
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

עס גיט אונז אַ כאַפּ ביי דער טאַליע
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי,
און זעצט אונז אַרויף אויף אַ כוואַליע
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
טראַ־לאַ! טראַ־לאַ! מיר רייטען
אויף פערדלאַך מיט שוימענדע זייטען,
אויף פערדלאַך מיט כוואַליענדע רוקענס,
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

די זומער־זון פלאַמט און פלאַקערט
אויפ'ן ים פון אַטלאַנטיק סיטי,
און דער ווינט צושניידט און צוואַקערט
דעם ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
מיר ווערען אַרומגענומען
פון אינדען, וואָס גיהען און קומען,
מיר ווערען געשווענקט און גערייניגט
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

מיר ווערען געזייפט און געזאָטען
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
געוואַשען, געריבען, געקנאָטען
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
מיר ווערען ווי קינדער צוזאַמען,
וואָס קריגען אַ באָד פון דער מאַמען
אין אַ ריזיגער, שוימיגער שיסעל,
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

מיר זיינען גליקליך און נאַקעט
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

קיין קליידער, קיין יחוס, קיין פּאַקעט
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
ניטאָ קיין רב און קיין בעדער,
ווייל נאַקעט און בלויז איז יעדער,
און יעדער איז קינדעריש-נאַריש
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

ניטאָ קיין „ציוויליזאַציע"
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
קיין פראַגען פון ראַסע און נאַציע
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.
ווייל אַלע פאַרדאַמטע פּראָבלעמען
און פראַגען און פּלענער און סכעמען,
זיי לויפען אַוועק מיט די כוואַליעס
אין ים פון אַטלאַנטיק סיטי.

—דזשולאַי 28טען, 1935

אויפ׳ן פּיער

ווי אַ לאַנגע,
אַ מעכטיגע האַנט,
וואָס טיילט פאַנאַנדער
דעם ים אין צוויי טיילען,
אַזוי ליגט דער פּיער
אַ גרוי־בלאַסער,
אַריינגערוקט אין וואַסער.

קיינער ניטאָ אויפ׳ן פּיער,
נאָר איך מיט איהר.

דורך נעפּעל־וואָלקען
די זון־שטראַהלען פאַלען
אויף שפּילענדע וועלען,
וואָס ווילען געפעלען.
דער ים ליגט צעפּלאָכטען
אין גאָלדענע קראַנצען
פון מירטען און טוליפּס
און רויטע מאַראַנצען.
עס פּלושקען די כוואַליעס
אַזוי שלעפערדיג מיד,
ווי אַמאָל ביי מיין וויגעל
דער מאַמע׳ס אַ ליד.

קיינער ניטאָ אויפ׳ן פּיער,
נאָר איך מיט איהר.

העט דאָרט, פון דער ווייטען,
ווי ווייט איהר קענט קוקען,
אַ שיף, וואָס טוט רייטען
אויף אַ גאָלדענעם רוקען.

עס ציהט זיך א רויך
אזוי ווי פון וואסער,
און ווערט אין דער הויך
א נעפעל, א בלאסער.
א מעווע פליהט אונטער
מיט שפּיאָנישע אויגען,
און שיסט באלד ארונטער
ווי א פייל פונ'ם בויגען.

קיינער ניטאָ אויפ'ן פּיער,
נאָר איך מיט איהר.

ווי ווייט פונ'ם רומעל
מיר זיינען אצינדער!
ביים ברעג־דאָרט—א טומעל
פון מאמעס מיט קינדער.
א פּלושקען, א פּאטשען,
א טאנצען, א שפּרינגען,
א קוויטשען, א קוואטשען,
א לאכען, א זינגען.
און הונדערט יארד ווייטער
ביים ענד פונ'ם פּיער,
איך מיט איהר—
וואו זיינען מיר?
ניטאָ מעהר קיין ערד,
קיין מענשען, קיין צייטען!
אזוי ווי פארוואָרפען
אויף אן אינזעל א ווייטען.
נאָר הימעל און וואסער
און כוואליעס, וואָס שפּריצען,
און די שרעק פאר דעם תהום
איבער וועלכען מיר זיצען.

עס וויגט זיך דער פּיער—
מיר שווימען, מיר שוועבען!
אָט זינקט ער—און מיר—
אדיע, וועלט און לעבען!

דאָך פעסט זיצט דער פּיער
אויף די הילצערנע פּלעקער.
ניט איהם מיינט דער קלונג
פון די וואסער־גלעקער.
זיי קלינגען כסדר,
זיי וואָרנען די שיפען
פאר געפעהרליכע זאמד־בערג
און פארבאָרגענע ריפען.
„גלין־גלאָן!“ און „גלין־גלאָן!“
א ליד אָהן א נאָמען.
א הימעלשער טאָן,
וועלכער קומט פון די תהומ׳ען.

קיינער ניטאָ אויפ׳ן פּיער,
נאָר איך מיט איהר.

מיר זיצען אזוי
ווי מיט יאָהרען אמאָל,
ווען ס׳איז גאָרניט געווען,
נאָר א בארג מיט א טאָל.
און מיר אויפ׳ן בארג,
פארטייעט און שטום,
מיט הימעל און וואלד
און מעהר גאָרניט ארום.
און אונטען אין טאָל
האָט א טייכעל געפּלוישט,
און דאָס הארץ האָט געקלאפּט
און דאָס בלוט האָט גערוישט.

ס'איז גאָרניט געענדערט!
דאָס גלייכע געפּיהל,
נאָר עלטער און שטאַרקער,
געלייטערט און שטיל.

זאָל זיין אויף אַ באַרג,
זאָל זיין אויף אַ פּיער,
אַבי עס איז
איך מיט איהר.

די זומער־בהלה

וואו־זשע לויפט איהר, גוטע ברידער
פון דעם שטאָדטישען הארמידער?
משה, חיים, זרח, קלמן,
דוד, יאַנקעל, בערל, זלמן,
ווער א בחור, ווער אַן אלמן,
ווער א חתן, ווער א טאַטע,
ווער א העלד און ווער א שמאַטע—
וואָס׳זשע קלייבט איר, וואָס׳זשע קויפט איר?
און א וואו, א וואו אַנטלויפט איהר?
אין די קאַנטרי!

שרה, ברכה, גרונע, גנעסיע,
רבקה־סאָסיע, יאכנע־פעסיע,
פיפי מיט׳ן ליפּסטיק־בייטעל,
און געגענדעל מיט׳ן שייטעל,
איוו מיט מאַדאַם סענגער׳ס ביכעל,
און דוואָשע מיט׳ן שטערען־טיכעל,
גוועגדאָלין פון האָטעל „פּארנאַס“
און מיסעס זלאַטע פון הערצל גאַס—
וואָס־זשע פּלאַנט איר, וואָס־זשע גליהט איר?
און וואו פאָהרט איר, „האַיקט“ איר, פליהט איר?
אין די קאַנטרי!

אויפ'ן ברעג פון ים

יונגוואַרג, אַלטוואַרג,
היים־וואַרג, קאַלטוואַרג,
זעהט מען אויפ'ן ברעג פון ים.
דאַרע מענער, פּוכלע ווייבער,
קורצע העלזער, ברייטע לייבער
לאַגערען אויפ'ן ברעג פון ים.

קלובעס, פּאַלקעס,
ווי די יאַלקעס,
זעהט מען אויפ'ן ברעג פון ים.
אויף די צורות רינט דער פּוידער,
פונ'ם שטערען ביז צום גוידער,
און מאַכט פעט דעם ברעג פון ים.

שרייער, זינגער,
טענצער, שפּרינגער,
טומלען אויפ'ן ברעג פון ים.
מוידען רויט, ווי רויטע לונגען,
שפּרינגען איבער קעפּ פון יונגען,
האַפּליאַ! אויפ'ן ברעג פון ים.

טאַליעס, שלאַנק ווי יונגע צעדערען,
טאַליעס, ווי אַ זאַק מיט פעדערען,
דרעהען זיך ביים ברעג פון ים.
בעסי „פלאַפּער", יוסף למדן,
ביידע ליגען אויף די זאַמדען,
נאַקעט אויפ'ן ברעג פון ים.

פליכעס גלאַנצען, פלייצעס ציטערען,
בוזעם־פּאַרלאַך פלאַטערען, פליטערען,
בלענדענד אויפ'ן ברעג פון ים.
אַ געמישאַכץ אַ טשיקאַווע
פון נאַאיוויטעט און תאוה,
זעהט איהר אויפ'ן ברעג פון ים.

מענטשען, שלאָגענדיג דעם הינטען
געגען כוואַליעס, שוים און ווינטען,
זעהט איהר פוג׳ם ברעג פון ים.
דאָ אַ שווימער, דאָרט אַ קריכער,
העט ווייט איינער וואָס איז „זיכער“
ביז ער שרייט: „איך זינק אין ים!“

באָבע, זיידע, אינגעל, מיידעל,
אַ געפּלאָנטער, אַ געדריידעל,
קנוילט זיך אויפ׳ן ברעג פון ים.
אַ מיראַזש פון קעפּ און אויגען,
פיס און הענט און עלענבויגען
כשופ׳ט אויפ׳ן ברעג פון ים.

מענטשען, זאַמדען, שטראַהלען, כוואַליעס,
טאַליעס ליגענדיג אויף טאַליעס,
זעהט מען אויפ׳ן ברעג פון ים.
שווימער, קריכער, זיצער, שפּריצער,
קיצלער, קושער—שפּיץ בקיצור:
זומער אויפ׳ן ברעג פון ים!

אין אַ הייסער זומער-נאַכט

אין די גרויסע היצען
זיץ איך מיר ביים דעסק,
און די פינגער שוויצען,
און איך גראַם זיך וויצען—
איז דאָס ניט גראָטעסק?

ווען עס ווילט זיך יאָגען
אויפ׳ן זאַמד ביים ים,
צי אין ווינט זיך טראָגען
און די כוואַליעס שלאָגען—
זוך איך גאָר אַ גראַם.

ביי מיין טיש אין צימער
זיץ איך שפּעט ביינאַכט,
און באַזינג, ווי אימער,
פון דער זון דעם שימער,
פון דעם וואַלד די פּראַכט . . .

„קיהלע טייכלעך רוישען“,
שרייב איך מיט דער האַנט,
„וואַסער-פאַלען פּלוישען,
ליבער-פּאָרלאַך לוישען — —“
רעד איך צו דער וואַנד.

ווער קימערט איצטער
וואָס ער שרייבט דאָרט אָן,
דער פּאָעט? — אָט זיצט ער,
עלענד, אַ פאַרשוויצטער—
קוקט דעם יאָלד נאָר אָן!

אלעמען באגליקט ער,
נאָר ניט זיך אליין.
שלאָפלאָזע פאַרוויגט ער,
דאָרשטיגע דערקוויקט ער,
נאָר ניט זיך אליין.

אלע סטרונעס שפּילט ער,
דער פּאָעט, דער נאָר,
אלע ליידען פיהלט ער,
אלע שמערצען קיהלט ער—
ער נאָר בלייבט אין צער.

אלץ אין לעבען זעהט ער,
ווי דאָס אויג פון גאָט,
יעדענ׳ס גליק פאַרשטעהט ער,
יעדען סוד דערגעהט ער —
ער נאָר בלייבט א סוד.

ווער קען דען ערקלערען
א פּאָעט׳ס געמיט?
פון די שענסטע שטערען,
פון די שאַרפסטע טרערען,
ווערט ביי איהם—א ליד.

ס׳איז זיין גאַנצער וועזען
ניט מעהר ווי א קלאַנג.
וואָס אין לעבען טרעפט זיך,
שיידט זיך און באַהעפט זיך,
ווערט ביי איהם—געזאַנג.

יעדער פעסטער בנין,
יעדער האַרטער פאַקט,
ווערט ביי איהם צעגאַנגען
אין א שטראָם פון קלאַנגען,
ריטמיש און צום טאַקט.

דאָס, וואָס אַנדערע לעבען,
טרוימט נאָר דער פּאָעט;
דאָס, וואָס אַנדערע שטרעבען,
נעהמען אָדער געבען,
ווערט ביי איהם—סאָנעט!

דאָס איז שוין דיין שיקזאַל,
דיכטער, בלאָס און מיד!
ווינטער אָדער זומער,
פריידען אָדער קומער,
איז ביי דיר—אַ ליד.

אַנדערע לויפען, יאָגען,
דו—דו זיצסט און שפּילסט.
אַלע לעבענס-ציעלען
זיינען נאָר געפיהלען,
וואָס דו זינגסט און פיהלסט...

אַ זומער היץ באַלאַדע

דער שניטקראָם־סוחר זלמן שפּאָן
שטעהט אויף אין בראָנקס און פּאָהרט „דאון־טאון“,
ס׳איז אָנהויב אויגוסט, און אין שטאָדט
איז הייס ווי אין א טערקיש באָד.

אין סאָבוועי איז „בשעת־הדחק“,
מען שטעהט געפּאַקט דאָרט באַק צו באַק,
און זלמן, האַלטענדיק דעם סטראַפּ
פּיהלט, ווי ס׳רינט פון איהם: קאַפּ, קאַפּ!

נאָר דאָ דערהערט דער מיסטער שפּאָן
דאָס קול פון א באַקאַנטען מאַן.
דאָס איז זיין שותף, יאָסעל פראַנק,
וואָס זיצט זיך ברייטלאַך אויף א באַנק.

„גוט מאָרגען!“ רופט ער פון זיין זיץ,
„וואָס זאָגסטו, זלמן, צו דער היץ?“
ווען זלמן הערט זיין שותפ׳ס קול,
ווערט איהם נאָך הייסער הונדערט מאָל.

נאָר ענדליך קומט מען אָן „דאון טאון“
און גלייך אין סטאָר לויפט מיסטער שפּאָן.
נאָר איידער ער ווישט אָפּ דעם שוויס,
רופט אוים דער קעשיר: „ס׳איז אייך הייס?“

דעם זלמן גיט א כוואַליע היץ
א שפּאַר אין קאָפּ פון אָט דעם וויץ,
נאָר חלש׳ן איז איצט קיין צייט,
ווייל ס׳קומט אַריין דער קלוירק און שרייט:

„אוי־וואַ, סאַ היץ! ס׳איז פּליין סכנות!
דער פּייפּער מעלדעט אַכט קרבנות!“
דער זלמן כאַפּט זיך פּאַר׳ן שאַרבען
און טראַכט: איך האַלט שוין אויך ביים שטאַרבען.

א סיילסמאַן קומט און גיט אַ זאָג:
„ווי גלייכט איהר עפּעס היינט דעם טאָג?
ס'איז 95 גראַד אין שאָטען!
איהר קענט אין גאַס אַ הערינג בראָטען.“

עס לויפט אַריין מיט ברען דער „בייער“:
„וואָס זאָגט איהר צו דעם העליש פייער?“
אַ קונה קומט אַ ווײַלע שפּעטער:
„אײַ־אײַ, רב זלמן, סאַראַ וועטער!“

רב זלמנ'ען ווערט שלעכט ביז גאָר,
ער לאָזט אויף גאָט'ס באַראָט די סטאָר
און געהט צום איד פון סאָדאַ־סטענד,
נאָר יענער פרעגט איהם: „האַ, ס'ברענט?“

ער לייגט דאָס קעפּעל אויף אַ זייט,
„ער חלש'ט!“ — שרייען גוטע לייט.
מען פיהרט אין דראָג סטאָר איהם מיט ליאַרעם—
דער דראָגיסט פרעגט איהם: „ס'איז אייך וואַרעם?“

„אַהיים, אַהיים!“ — הויכט זלמן שפּאַן.
מען פיהרט איהם באַלד אַוועק „אַפּ טאַון“
נאָר דאָרטען טרעפט איהם פאַר'ן הויז
זיין כיענעס מויל: „די היץ איז גרויס?“

„גרויס!“ — שעפּטשעט זלמן גסיסה־שוואַך
און ציהט זיך אויף דער ערד אויס פלאַך.
מ'ברענגט אַ דאָקטאָר באַלד אַרויף—
זיין ערשטע פראַגע איז: „האָט ענאָף?“

„ענאָף!“ — גיט זלמן נאָך אַ צאַנק
און שטאַרבט מיט פאָלגענדען געדאַנק:
„ס'גיהנום איז אויך קיין קיהלער אָרט,
דאָך פרעגט מען כאָטש קיין קשיות דאָרט“.

אידישע וואַקיישאָנס

עס שמעקט שוין מיט וואקיישאָן,
מיט אָפּרוה, קורץ און זיס,
פאַר מידע קעפּ און נערוועז,
פאַר מידע הענט און פיס.
מען גרייט שוין צווישען פעלדער
פאַר אונז קווארטיר און קעסט,
עס פּוצען זיך די וועלדער
מיט שאָטענס פאַר די געסט.

עס רוישען שוין די טייכלעך
דעם אלט־באַקאַנטען סוד;
עס ווארט שוין הינטער בושעס,
דער ליז, דער ליבעס־גאָט.
די מענשען צו דערהיצען,
די זון ווארט מיט איהר פלאַם;
די הייסע אָפּצוקיהלען,
עס גרייט זיך שוין דער ים.

נאַטור ליגט פריי און אָפען
און ווארט אויף איהרע געסט;
א מוזיקאנט, א פויגעל,
שוין ווארט אין יעדער נעסט.
און איבער בערג און טאָלען
עס קלינגט דעם זומער'ס רוף:
„קומט, מידע מענשען אלע,
און רוהט אָפּ זעעל און גוף!“

— — —

נאָר עט! וואָס העלפט זיין רופען?
ווער הערט זיך צו איהם צו?
א אידישער וואקיישאָן
איז ניט געמאַכט פאַר רוה.
א אידישער וואקיישאָן
איז פונקט ווי אין דער היים:

ס'איז אָדער מ'זיצט און אכל'ט,
אָדער מ'רייבט אַ געים.

און אין דער צייט, ווען מ'עסט ניט,
און מ'האַלט אין האַנט קיין קאָרט,
איז האַלט מען אַן אסיפה
און יעדער וויל אַ וואָרט.
און האַלט מען קיין אסיפות,
איז גיט מען אַ קאָנצערט,
ביי וועלכען יעדער איינער
צום טויט פאַרנודיעט ווערט.

און גיט מען קיין קאָנצערטען,
נו, זיצט מען גלאַט אַזוי
אין גרופּען ביי דיסקוסיעס,
צי ביי אַ גלעזעל טיי.
עס רופט דער פרייער דרויסען,
עס רופט דער וואַלד אַרום,
נאָר אידען זיצען, שוויצען,
אין אַ פאַרשטיקטער רום.

פון כאַפּען פיש—מען האַלט ניט,
מען געהט ניט אויף קיין „האַיק",
מען זיצט נאָר אויף אַ קופּע
ווי הינער אין אַ שטייג.
אחוץ ביי אַ דעבאַטע,
ווען מ'גיט אין טיש אַ זעץ,
קיין „עקסערסאַיז" מען מאַכט ניט,
און מ'קריגט־צו פּודען פעטס.

דאָס בלוט אין לייב ווערט וואַסער,
די מוסקולען ווערען שמאָלץ,
דאָס פּנים ווערט נאָך בלאַסער—
און דאָס איז נאָך ניט אַלץ:

פון רויכערען און פוןריידען
דער קאָפּ ווערט ווי אַ ראָד,
און מ׳ווערט נאָך פיעל נערוועזער
ווי מ׳איז געווען אין שטאָדט.

בקיצור, ליבע אידען,
איך וועל ניט בריינען לאַנג,
איך וויל אייך נאָר ערקלערען
מיין וואונש און מיין פאַרלאַנג:
איך ווינש אייך אַ וואַקיישאָן
פון סאַמע בעסטען סאָרט,
נאָר עסט ניט צופיעל פליישען,
און זיצט ניט אויף איין אָרט.

און פאָהרט ניט אָנגעלאָדען
מיט שטאָדט פראַגען אין קעמפּ.
איהר געהט זיך בעסער באָדען,
און ווערט שטאַרק ווי אַ דעמב!
האָט פרישע לופט און זונשיין,
און „עקסערסאַיז" ניט קאַרגט,
און קומט צוריק אין שטאָדט דאַן
צו ארבייט ניי געשטאַרקט.

אַ קאַנטרי־ראָמאַנס

פאָהרט זיך אין די בערג אַ ווייבעלע,
אוי, אַ ווייבעלע!
שטיל און ציכטיק, ווי אַ טייבעלע,
יאָ, אַ טייבעלע!
מאַכט דאָס וועגעלע: סקריפּ־סקריפּ!
מאַכט דאָס פערדעלע: האָפּ־האָפּ!
מאַכט דאָס פאַרמערל: וויאָ!

ווייבעל האָט אין שטאָדט אַ מאַנעלע,
אוי, אַ מאַנעלע!
ליעב האָט ער זיין שטילע חנה׳לע,
אוי, אַ חנה׳לע!
שרייבט דאָס ווייבעלע: טשעק־טשעק!
מאַכט דאָס מאַנעלע: יאָ, יאָ!
מאַכט דאָס פאַרמערל: פיין!

אין די בערג איז דאָ אַ איננגעלע,
אוי, אַ איננגעלע!
שאַרף און גלאַטיק איז זיין צינגעלע,
אוי, אַ צינגעלע!
מאַכט דאָס איננגעלע: ליעב־ליעב!
מאַכט דאָס ווייבעלע: אַך־אַך!
לאַכט איהר הערצעלע: זים!

זיינען זיי אוועק אין גערטעלע,
אוי, אַ גערטעלע!
זוכען אוים זיך דאָרט אַן ערטעלע,
אוי, אַן ערטעלע!

מאכט דאָס פייגעלע: קוש־קוש!
מאכט דאָס בלימעלע: ססט־ססט!
מאכט דאָס גרעזעלע: שאַ!

פּלוצלונג קומט פון שטאָדט דאָס מאַנעלע,
אוי, אַ מאַנעלע!
טרעפט דעם בחור מיט זיין חנה׳לע,
אוי, אַ חנה׳לע!
מאכט דאָס שטעקעלע: קלאַפּ־קלאַפּ!
שרייט דאָס אינגעלע: אוי, אוי!
לאכט דאָס וועלדעלע: גוט!

אַ בריעף פון דער קאַנטרי

ליבער מאַריסעל, וואָס מאכסטו?
כ'בענק נאָך דיר, גאָר אָהן אן עק!
אָהן דיר איז מיין וועלט קיין וועלט ניט—
האָסט ארויסגעשיקט דעם טשעק?

דאָ אין קאַנטרי איז גאנץ פרעהליך,
כ'עס און טרינק און טאנץ געוויים!
נאָר אָהן דיר האָט עס קיין טעם ניט—
שיק מיר הונדעט דאָלאר, פליז!

איך שפאציר, איך ליג אין העמאק
און איך שיף זיך אויפ'ן טייך,
נאָר אָהן דיר איז דאָס קיין פלעזשור—
כ'דארף די טולערס—שיק עס גלייך!

ליבער מאַריסעל, איך בעט דיך,
נעם גוט קער אויף זיך, מאַי האָני!
עס קיין פלייש ניט, עס נאָר ספינאטש—
און פארגעס ניט, שיק די מאָני!

געה פריה שלאָפען, נעם אָפט שאוערס,
טראָג ניט אין דער היץ קיין קאלער!
דו ביזט דאָך מיין גאנצער לעבען!—
שיק מיר תיכף די פאָר דאָלער!

זיי געזונט! איך מיט די קינדער
קושען דיך גאָר אָהן א ברעג!
און מיר בענקען נאָך דיר שרעקליך—
האָסט ארויסגעשיקט דעם טשעק?

מיין פאַרמער

איך קום אין דער קאָונטרי
און טרעף דאָרט דעם פארמער.
זיין בליק איז א ליבער,
זיין האַנד־דרוק—א וואַר'מער.

—האַלאָו, זאָג איך — מיסטער,
איהר האָט א פיין צימער?
—דער הימעל, דאָ—מאַכט ער—
האָט א גאָלדענעם שימער!

—און וואָס—זאָג איך—הערט זיך
וועגען פרישע אייער?
—דאָ שיינט די לבנה
ווי א כלה אין שלייער!

—און קריגט מען ביי אייך כאָטש
א יעדען טאָג טשיקען?
—די לופט ביי אונז—מאַכט ער—
איז פראָסט צום דערקוויקען!

—און וואָס איז וועגען פוטער
און סוויט־קרים און קעז?
—ביי מיר—מאַכט ער—וואַקסען
פיאַלקעס און בעז!

—און מילך וועל איך קריגען
וויפיעל איך פאַרלאַנג?
—איר'ט הערען אונזערע פויגעלאך,
א הימלישער געזאַנג!

—און ווערט מען כאָטש ביי אייך ניט
צעביסען פון די פליגען?
דאָ צעלאַכט זיך שוין דער פאַרמער
און ענטפערט מיט א ניגון:
—איר ווילט פאַר דרייסיג שמילאַרעס
טאַקע אַלצדינג ביי אונז קריגען?!

אין דער נאַטור

איך געה אַריין,
איך געה אַרויס,
אַזוי ווי אין
מיין אייגען הויז.

ניטאָ קיין ווענט,
ניטאָ קיין דאַך,
נאָר שטערען, שטערען,
גאָר אַ סך.

ניטאָ קיין פּלויט,
ניטאָ קיין צאַם.
ווי ברייט דאָ איז
און ווי געראַם!

קיין טיר, קיין פענסטער
און קיין שלאָס,
און דאָ איז קיינער
באַלעבאָס.

קיין סינק, קיין וואַנע
און קיין קראַן.
נאָר ס'איז אַ קלאָרער
טייך פאַראַן.

איך געה אַריין
מיט לייכטען זין,
און קיינער פרעגט ניט,
ווער איך בין.

איך געה אַהין,
איך געה אַהער,
ניטאָ קיין אָפּהאַלט
און קיין שטער.

ניטאָ קיין טיש
וואָס שטעהט אין וועג.
ניטאָ קיין ווייב
וואָס גיט אַ פרעג:

האָסט אָפּגעווישט
די שיך ביים שוועל?
דו מאַכסט פון טעפּיך
מיר אַ תל!"

איך שטער ניט קיינעם
ווען איך זינג,
קיין שכן שעלט ניט
ווען איך שפּרינג.

און לעג איך זיך
אַביסעל צו,
עס רויבט קיין ראַדיאָ
מיין רוה.

נאַטור איז דאָס
באַקוועמסטע הויז.
ס'איז ניט צו קליין
און ניט צו גרויס,

נאָר פּונקט גענוג
באַקוועם און ברייט,
פאַר אַלץ, וואָס לעבט
און שטעהט און געהט.

איך דאַרף ניט קיין
עלעקטריש ליכט,
ווייל כ'האָב די זון
אויף מיין געזיכט.

אויך די לבנה
לויכט גאַנץ פיין,
און גיסט מיך אָפּ
מיט מילדען שיין.

עס פעהלט אויך ניט
קיין פרישע לופט.
פון אַלע זייטען—
לופט און דופט!

עס וועקט מיך ניט
מיין ווייב ביינאַכט:
„געוואַלד, דאָס פענסטער
איז פאַרמאַכט!

„איך ווער דערשטיקט!
אוי, אייל זיך, לויף,
און מאַך געשווינד
אַ פענסטער אויף!"

נאַטור, דו ביזט
מיין בעסטער פריינט!
נאָר אָהן דער זון
האָב איך דיך פיינט.

אַ ליד פאַר זומער באָרדערס

מיר זיינען די העלדען פון שכם,
מיר קענען דערלאַנגען אַ נעם
אַ יונגע באָרדערטשקע,
און איהר אַ קוש טאָן אין מאַרדעטשקע,
נו, כאַפּט מען אַמאָל אויך אַ פלעם ...
טעלעבעם, טעלעבעם, טעלעבעם!

מיר זיינען די העלדען פון שכם,
דזשעיקי און ווילי און סעם,
מיר כאַפּען אַ ווייבעל אויף פלעזשור
און גיבען איהר ליבע „פול מעזשור".
און כאַפּט אונז איהר מאַן, איז אַ קלעם!
ער גיט אונז ביים קאָלנער אַ נעם,
טעלעבעם, טעלעבעם, טעלעבעם!

מיר זיינען די העלדען פון שכם,
מיר האָבען אין קאַנטרי אַ שם,
אַלס ליגנערס און זויפערס און פרעסערס,
אַלס קושערס און דריקערס און פרעסערס,
מיר עסען טשיקען און העם,
און פינטלען כסדר מיט אַ ברעם—
טעלעבעם, טעלעבעם, טעלעבעם!

אין קעמפ, אין קעמפ!

אין קעמפ
ווערט איהר שטארק ווי א דעמפ,
און פריי ווי א טרעמפ—
אין קעמפ!

בייטאָג שפּאַצירט איהר
אין ווייסע פּענטס,
ביינאַכט ראָמאַנסירט איהר
אין טונקעלע טענטס—
אין קעמפ!

איהר באָדט זיך אין טייכלעך
קלאָר און פריש,
דאַן געהט איהר צום טיש,
און עסט זיך די יאָיכלעך,
און פּאַשעט זיך בייכלעך—
אין קעמפ!

אין העמאַק זיך וויגען
איז אויך ניט שלעכט,
און זינגען א ניגון,
און זאָגען א ליגען
דעם שעהנעם געשלעכט—
אין קעמפ!

איהר זוכט זיך אַן ערטעל
וואו קיהל איז און זאַכט,
און שפּילט זיך א קערטעל
ביז דריי מיט א פערטעל
נאָך האַלבע נאַכט—
אין קעמפ!

איהר צינדט אָן אַ פייער,
דאָס פלאַקערט אַזוי,
איהר ליגט אין אַ שייער
אויף היי און אויף שטרוי
ווי אַן אמת'ער גוי—
אין קעמפ!

איהר רוהט אויס די ביינער
און אויכעט דעם גייסט,
דאָרט אַרבייט ניט קיינער,
אַחוץ מיט די ציינער,
ווען ער אַכל'עט און בייסט—
אין קעמפ!

איהר שיפט זיך און רודערט,
איהר געהט אויף אַ „האַיק",
איהר פילט זיך פאַרברודערט
מיט איק און מיט מאַיק;
איהר האָט ניט קיין באָס
און איהר האָט ניט קיין סטרייק—
אין קעמפ!

אין שטאָדט איז „דעמפ",
און היים און טעמפ,
קומט, הערען און דאַמען,
לאָמיר אַלע צוזאַמען
אַנטלויפען אין קעמפ!
און נאַריש זיך שפּילען
מיט קינדישער לוסט,
און אָנהויבען פיהלען
אַ האַרץ אין דער ברוסט,
און האָבען פאַרגעניגען
אַפילו פון פליגען,
אין זינגען דעם ניגון:

אין קעמפּ,
ווערט איהר שטאַרק ווי אַ דעמפּ,
און פריי ווי אַ טרעמפּ —
אין קעמפּ!

קינדער אין קעמפּ

קינדער אין קעמפּ
זיינען ווי פייגעלעך.
צווישטשערענדע קול'כעלעך,
בלישטשענדע אייגעלעך.
זיי וועקען אייך אויף
מיט קוויטש און געזאַנג,
זיי לאָזען אין קעמפּ
אייך ניט שלאָפען צו־לאַנג.

קינדער אין קעמפּ
זיינען ווי העזעלעך,
זיי לויפען ארום
צווישען בוימער און גרעזעלעך.
זיי לויפען, זיי פליהען,
אהין און אהער,
און זיי צו כאַפּען
איז זעהר שווער.

קינדער אין קעמפּ
זיינען ווי ענטעלעך,
זיי פּאַטשען אין וואסער
מיט זייערע הענטעלעך.
זיי גלייכען אין וואסער
צו כאַפּען אַ שווים,
נאָר ווילט איהר זיי וואַשען,
זיי טוען זיך אַ קרים.

קינדער אין קעמפּ
זיינען ווי ביהנעלעך,
זיי ארבייטען פלייסיג,
מיט ערנסטע מינעלעך.
זיי גלייכען צו נאַשען
פון אַלץ וואָס איז זיס,
האָניג און צוקער
און שטרודעל מיט ניס.

קינדער אין קעמפּ
זיינען קאַנאַריקלעך,
זיי שטרעקען אויס לאַנג
זייערע העלזלעך און קאַריקלעך,
און צוויטשערען און טרילערען
בייטאָג און ביינאַכט,
ביז דער דירעקטאָר גיט אַ פייף:
קינדער, ס'איז האַלב נאָך אַכט!

קינדער אין קעמפּ
ווערען שטיל ווי די מייזעלעך,
זיי שלאָפען אין לופטיגע
ביידלעך און הייזעלעך,
חוה'לעך, שרה'לעך,
משה'לעך, נחומ'לעך —
און די קאָנסילאָרס וואַכען
איבער זיי ווי מלאכים'לעך.

גרויסע און קעמפּ

אונטער די גרינינקע בוימעלעך
זיצען זיך משה'לעך, שלמה'לעך,
יענטעלעך, דוואָשעלעך, ציפּעלעך—
און שפּילן מיט „האַרטס" און מיט „שיפּעלעך".

זיצען מיט פּנים'ער פֿלאַקערדיג,
און מישען די קאָרטען גאַנץ קנאַקעדיג,
זיי זיצען אָפּ טעג אויף די ערטעלעך
און זיינען פאַרטאָן אין די קערטעלעך.

זיצען פאַרטיפט אין א פּויקערל,
שיער וואָס זיי קריגען א הויקערל.
זיצען אוים לעבער אין די בענטשעלעך
און זוכען אין קאָרטען די „מענטשעלעך".

אוי, ווי עס פֿלאַמען די בעקעלעך,
ווען איינער פון זיי קריגט 4 „דזשעקעלעך";
דאָך זויער ווערען די מינעלעך,
ווען א צווייטער האָט גאָר 4 „קווינעלעך".

אָט אזוי זיצען די גרופּקעלעך
ברידער און שוועסטער אין קופּקעלעך,
און זוכען א „סטרייט" און א „טאַיסעלע",
און דערמיט איז געענדיגט מיין מעשה'לע.

אַ סוף זומער ליד

עס געהט שוין צו ענדע
די גליקליכע צייט,
ווען סאַשע און דוואָשע
געוועזן זיינען ווייט.
צווישען אונז איז געלעגען
די בערג און דער ים,
און ס'האָט אַזוי זיס זיך
געזונגען צום גראַם:
„טאַראַראַם! טאַראַראַם!
מיין ווייב איז ביים ים!
איך בין פריי ווי אַ טערק,—
מיין ווייב איז אין די בערג!“

עס געהט שוין צו ענדע
די גאָלדענע שעה,
ווען זי'ז געוועזן דאָרט,
און איך בין געוועזן דאָ;
ווען זי האָט צו אַ בחור
געטוליעט זיך שטאַרק,
און איך האָב צו אַ מיידעל
געשעפּטשעט אין פּאַרק:
„טאַראַראַם! טאַראַראַם!
מיין ווייב איז ביים ים!
איך בין פריי ווי אַ טערק,—
מיין ווייב איז אין די בערג!“

עס געהט שוין צו ענדע
דער מאָנאַט אויגוסט;
גוד־באַי, פרייע ליבע
און טריפה'נע לוסט!
באַלד קומט שוין פון קאַנטרי
מיין וואַזשנע מאַדאַם;

דאָן בייט זיך די שטימונג,
דאָס ליד און דער גראַם:
„יאָסעל־משה, וואו גערהסטו?
יאָסעל־משה, וואו שטעהסטו?
יאָסעל־משה, וואָס טוסטו?
יאָסעל־משה, וואו רוהסטו?
יאָסעל־משה, שאַראַפּ!
יאָסעל־משה, גערה אין שאַפּ!
יאָסעל־משה, קויף מיר שיך!
יאָסעל־משה, עס אין קיך!
יאָסעל־משה, ביזט אַ פערד!
יאָסעל־משה, גערה אין דער ערד!“

אָסיען־ליעד

קאַלטער אָסיען, נאַס און טריב,
מענסט זיך רוהיג קומען!
וועסט ניט הערען מיך אויף דיר
שימפּפען אָדער ברומען.

ביזט קיין אומגליק פאַר דער וועלט,
שאַדעסט אונז נאָר מעסיג;
נעמסט אַ סך און גיסט אַ סך —
גלייכט זיך אוים דער עסק!

נעמסטו צו די נאַכטיגאַל,
שענקסטו אונז די ראָבען;
האָט מען ניט קיין זונענשיין,
וועט מען נעבעל האָבען.

נעמסטו די מאָסקיטאָס צו,
גיסטו אונז גריזאָטע;
באָדט מען זיך ניט מעהר אין ים,
באָדט מען זיך אין בלאָטע.

נעמסט ביי אונז אַוועק די פּאַרקס,
גיסטו אונז טהעאַטער;
רויבסט ביי אונז דעם בלומען־דופט,
שענקסטו אונז אַ קאַטער.

מאַכסטו ברוין די וואַסערען,
מאַכסטו געל דאָס גראָז אונז;
נעמסט די בלאָהע פיאַלקעס צו,
פאַרבסטו בלאָה די נאָז אונז.

פליהט שוין מעהר קיין שמעטערלינג,
פליהען געלע בלעטער;
איז צו קאַלט אין גאַס צו געהען,
לויפען מיר צום „פּעטער“.

האָט מען ניט קיין גאַנצען טאָג,
לעבט מען מיט אַ פערטעל;
קען מען ניט שפּאַצירען געהען,
זיצט מען ביי אַ קערטעל.

שטעהט מען מעהר ניט אין די האָלס,
זיצט מען ביי דער הרובע;
ווארעמט אונז דער זומער ניט,
ווארעמט אונז אַ „ליובע".

קושט מען ניט קיין הייסע באַק,
קושט מען היים אַ קאַלטע;
ווארפען יונגע אונז אַוועק,
זוכט מען גליק ביי אַלטע.

קאַלטער אָסיען, נאַס און טריב,
לאָמיך דיך באַגריסען!
כ'וואָלט געהאַלזט דיך און געקושט—
מוז איך אָבער ניסען.

דורך נאַכט און קומער

אין פּאַרק אויף אַלע וועגען
די בלעטער ליגען געל.
די זון אָבער, דאַגעגען,
זי שיינט נאָך מילד און העל.
ווי קען איך פאַר אייך זינגען
אַ טרויעריג אָסיען־ליד,
ווען זומער־קלאַנגען קלינגען
נאָך טיעף אין מיין געמיט?

אָט געהט שוין צו דעצעמבער,
ס'איז שפּעט שוין ארום אכט.
אָט שוויצט שוין יעדער „מעמבער"
אויף מיטינגען ביינאַכט.
נאָר איך טראָג נאָך ארומעט
אין דרויסען מיין געזיכט,
און וואַרעם אוים מיין אומעט
אין דעם לבנה־ליכט.

וואָס ארט עס דען דעם דיכטער,
וואָס ס'שטעהט אין קאַלענדאַר?
איך בין מיין אייגענער ריכטער,
און אויך מיין אייגענער האַר.
איך טראָג מיין אייגענעם וועטער
ביי מיר אין מיין נאַטור;
מיין אייגענעם טערמאָמעטער,
מיין אייגענע טעמפּעראַטור.

און מעגט איהר אַלע גלויבען,
אַז ס'איז שוין פייכט און קיהל,
איהר קענט ביי מיר ניט רויבען
מיין זומערדיג געפיהל.

איך קוק דורך נאַכט און קומער
אַריין אין גאַנג פון צייט,
און זעה אַ נייעם זומער
שוין שפּאַנען פון דער ווייט.

דורך דונערען, שרייען, פלוכען,
דורך שטורם, יאוש, שרעק—
איך הער מיליאָנען סלוכען
פון נייע זומער־טעג.
פון אַלע זייטען שיסען,
ווי בליצען אין דער נאַכט,
סימנים, וואָס באַגריסען:
„געוואונען איז די שלאַכט!“

די שלאַכט פון מענש און חיה,
איך זעה שוין ווי זי געהט
צו גונסטען פון די פרייע,
און געגען קנוט און קייט.
אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע,
וואו נאָר עס פאַלט מיין בליק,
איך זעה די שוואַרצע כוואַליע
שוין לויפען אויף צוריק.

דער איד און די פייגעל

ווען עס קומען אָן די קעלטען,
ווערט די פייגעל ביטער.
אין די צפונ'דיגע וועלטען
כאַפּען זיי אַ ציטער.
קומען אָן די פרעסט,
בלייבען זיי אָהן קעסט
און זיי מוזען וואַנדערען
פון איין לאַנד צום אַנדערען.

לאָזען אַלע פייגעל איבער
פראָסטיגע קלימאַטען,
און זיי כאַפּען זיך אַריבער
אין אַ לאַנד אַ זאַטען.
פליהען פריי און פריש
צו אַ נייעם טיש,
וואָס די מוטער־ערד
האָט פאַר זיי באַשערט.

ווי איך בין מקנא אייך,
קליינע, שוואַכע פייגעל!
איך, וואָס בין פון טייך צו טייך
אייביג עולה־רגל!
וואו אַ וואַסער טיף
פאָהרט אויף איהם מיין שיף,
זוכענדיג אַ פּאָרט,
אויסצורוהען דאָרט.

אָבער אַלע, אַלע ברעגען
זיינען איצט פאַרמאַכט,
און אויף אַלע, אַלע וועגען
הערשט די ווינטער־נאַכט.
אומעטום—אַ ריגעל!
פליגעל דאַרף איך, פליגעל,

פֿליגעל גלייך מיט אייך.
אוי, ווי איהר זיינט רייך!

מיט די וואָלקענס קענט איהר ציהען
איבער לענדער, ימ'ען.
ווער קען שטערען אייער פֿליהען?
אייער וועג פֿאַרצאַמען?
ווערט אויף איין עק וועלט
הונגער, נאַכט און קעלט,
פֿליהט איהר זיך אַוועק
צו אַ צווייטען עק!

אָבער איך בין צוגעשמידט
מיט די פֿיס צום באָדען,
און פֿאַרהאַקט איז פֿאַר'ן איד—
טירען, פֿענסטער, לאָדען.
וואו איך גיב אַ שפּאַן,
שטעהט דאָרט אַ איוואַן,
און זאָגט, אַז איך פֿאַרלעץ
אַן אימיגראַציע געזעץ!

וואו איהר גיט אויף דר'ערד אַ שפּיי
—גרעניצען און שראַנקען!
נאָר אין לופֿטען איז נאָך פֿריי,
און— אין די געדאַנקען.
ווייסט איהר וואָס אצינד
דאַרף אַ אידיש קינד?
שוין פֿון סאַמע וויגעל
דאַרף ער אַ פּאָר פֿליגעל.

—דעצעמבער 29, 1935

דער ערשטער פראָסט

הײַנט איז דער טאָג
פון פראָסט און ליכט.
קיין ליד, קיין קלאָג,
אין מײַן געדיכט;
דער שטערן—קיהל,
דאָס פנים—רויט,
און קיין געפיהל
פון נויט און טויט.

אַוועק די צײַט
פון מײַן געדאַנק,
מיט אַלץ וואָס שנײַדט
און מאַכט מיך קראַנק.
איך לויף אין פראָסט,
איך אָטעם ווינד,
און פרעה מיך פראָסט
אַזוי ווי אַ קינד.

ווען זון און קעלט
צוזאַמען געהען,
דאַן איז די וועלט
ערשט באמת שעהן.
ווען אונטען בריהט
און אויבען באַקט,
דאַן געהט דאָס ליד
אין רעכטען טאַקט.

פון פראָסט און פלאַם,
פון טאָג און נאַכט,
פון פריי און צאַם
איז אַלץ געמאַכט.

דאָס לעבען איז
אַ געגענזאַץ,
ווי שעהן און מיאוס,
ווי מויז און קאַץ.

פון דעם געלאָף
אהער, אהין,
ווערט אַ בעשאַף
מיט צוועק און זין.
עס שטויסט צונויף
זיך קראַפט מיט קראַפט
אינמיטען לויף—
און זי באַשאַפט.

איך לויף אַרום
אין פראָסט און זון
און לערען שטום
אַ סך דערפון.
עס ווערט מיר קלאָר
דאָס טיף באַטייט
פון אונזער דור,
פון אונזער צייט.

דער גאַנצער קראַמף
פון אונזער וועלט
איז נאָר דער קאַמף
פון זון מיט קעלט.
די זון צעריהרט
דאָס אייז אויף דר ערד,
און אַלץ וואָס פריהרט,
צושמאָלצען ווערט.

דאָס געהט אַזוי
און בלייבט זיך גלייך:
פון שניי ווערט טוי,
פון אייז ווערט טייך!

דאָס דיקסטע אייז
צושמעלצט די זון.
דאָס איז קיין נייס,
איהר ווייסט דערפון.

דעריבער, פריינד,
פאַרלירט קיין מוט
ווען ווינטער היינט
פאַרקיהלט דאָס בלוט.
ווייל ערגעץ וואו
אין הימעל־רייך,
איז דאָ אַ זון,
וואָס קעמפט פאַר אייך.

—דעצעמבער, 1937

פייגעל פליהען

מחנות פייגעל זייט ביי זייט,
פליהען, פליהען אין דער ווייט,
לאָזען איבער נויט און קעלט,
פליהען צו אַ וואַרימער וועלט.

פייגעל פליהען אין דער לופט,
ווייל די וואַרימע ווייטקייט רופט.
פליהען מיליאָנענווייז,
רעטען זיך פון ווינט און אייז—
קליינע פייגעל, צאַרט און שוואַך,
מיט'ן הימעל אַלס אַ דאַך,
מיט די וואָלקענס אין געוועט,
פליהען זיי צו זון און זעט.

גרייט צו קאַמף, ווי אַן אַרמיי,
פליהען, פליהען, פליהען זיי.
פול געפאַהרען אין דעם וועג.
אויבען,אונטען—אַ געיעג.
אונטען—ביקסען, קוילען, רויך;
אָדלערס שיסען פון דער הויך;
רעגענס, שטורעמס, דונער־קראַך —
פילע פייגעל פאַלען פלאַך
אויף דער אָסיענדיגער ערד—
ניט באַשערט זיי, ניט באַשערט . . .

נאָר די מחנה פליהט און פליהט,
הונגער טרייבט און לעבען ציהט.
ווייטער, ווייטער, דורך דער לופט!
הונגער טרייבט און לעבען רופט . . .
דאָרט איז וואַרעם, דאָ איז קאַלט—
ווייטער, ווייטער, יונג און אַלט!
שפּרייט די פליגעל קרעפטיג אויס,

גיכער, גיכער, קליין און גרויס!
ווינטער קומט פון נאָרד און וועסט,
און צעשויבערט יעדע נעסט,
און אויף אייז פאַרפרויען ווערט
יעדעס קערענדעל אין דער ערד.
גיכער, גיכער, פליהט און פליהט!
מורא טרייבט און לעבען בריהט . . .

שטעהען מענשען אויף דער פלאַך,
מענשען, מענשען, גאָר אַ סך.
מענשען, קרעפטיג און געזונט,
שטעהען אויפ׳ן פעסטען גרונט,
האָבען הענט און פיס—צו צוויי,
נאָר קיין פליגעל האָבען זיי . . .
קוקען מענשען פול מיט כח,
צו די פייגעל אין דער הויך.
קוקען ווי די מחנה פליהט—
און אַ בענקשאַפט נאָגט און ציהט:

„פייגעל, פייגעל, נעמט אונז מיט,
צו אַ פלאַץ וואו לעבען בליהט!
אויף דער ערד איז הארט און קאַלט,
און דער שטיוועל שאַלט און וואַלט.
גרענעצען אויף יעדען שריט,
האַס און טויט אויף יעדען טריט—
פייגעל, פייגעל, נעמט אונז מיט
צו אַ פלאַץ וואו פרייהייט בליהט!“

דער ערשטער שניי

דער ערשטער שניי איז ליכטיג, ווייס,
ווי א פריש־פרעהליך שטיקעל נייס.
ער קומט ארויס און לייגט זיך אויס
ווי א פרישע צייטונג פאר אייער הויז.

איהר גיט א קוק—ווי אינטערעסאנט!
ווי נייעס פון אן אנדער לאנד.
ווי קעיבעלס אויף א ווייס פאפיר
פון זיד־פאל, אדער פון סיביר.

דער ערשטער שניי ווערט אבער באלד,
ווי צייטונגס־נייעס, גרוי און אלט.
ער לעבט א טאג, און אפשר צוויי,
און דאן איז ער שוין ניט קיין שניי.

ער בלאנקט און גלאנצט אויף דעם מאמענט,
און ווערט צערונען אונטער די הענט.
אזוי איז, פריינד, מיט יעדער זאך
וואס קומט צו געהען מיט קנאק און קראך.

צי גוט, צי שלעכט, צי ווייס, צי שווארץ,
ניט נעמט זיך, פריינד, צו שטארק צום הארץ!
אין אונזער וועלט מיט איהר געדרעה
איז מעהרסטע נייעס—ערשטער שניי.

עס גלאנצט און בלאנקט ווי לאנג ס איז ניי,
איהר קוקט פארוואונדערט: אי, אי, אי!
נאר נאכ'ן ערשטען בליאסק און בלענד
איהר בלייבט מיט גארניט אין די הענד . . .

אזוי מיט אלץ אין דער נאטור,
וואס קומט און געהט און לאזט קיין שפור;
אזוי—מיט טויזענד „מייסטערווערק",
וואס נעהמען איין די ביכער־מערק.

אזוי איז אויך אין פּאָליטיק,
מיט נאַצי און פאַשיסטען־גליק.
געקומען איז עס ווי אַ בליץ,
זיין סוף וועט זיין—אַ מיאוסער וויץ.

אזוי וועט זיין, מיין גוטער פריינד,
מיט יעדען שניי, וואָס שימערט היינט.
צוגעהען מוז יעדע זאַך אויף דער ערד,
וואָס האָט קיין בלייבענדיגען ווערט.

די אַלע מאָדעס פון מאָמענט,
געבויט אויף קראַנקען סענטימענט—
ביים ערשטען שמייכעל פון דעם זון
ניט בלייבען וועט קיין שפּור דערפון.

—דעצעמבער 8, 1937

אין אַ קאַלטער לבנה־נאַכט

איינזאַם, אין אַ פאַרגליווערטען דרימעל,
שוועבט די לבנה הויך אויפ׳ן הימעל.
שטום און איינזאַם און פון דער ווייט
קוקט זי אויף אונז, די אָרימע לייט.

קאַלטער ווינט נעמט דורך די ביינער,
איך הער אַ הוסט וואָס קען ריהרען שטיינער.
און די לבנה קוקט פון דער הויך
און פאַרבט מיט העלקייט—דעם קוימען־רויך.

מיט צייטונגען פעדעלט אַן אָרעם קינד,
אַ מאַן אָהן אַ מאַנטעל לויפט מיט׳ן ווינד.
און די לבנה קוקט און קוקט,
פון אַלץ דערווייטערט און אָפּגערוקט.

זי איז צו־הויך, צו־קאַלט און שעהן,
צו קענען די זינדיגע ערד פאַרשטעהן.
אין קאַלטער שעהנקייט, בלייך און פאַרטראַכט,
שוועבט זי, די קעניגין פון דער נאַכט.

זי ווייסט ניט ווי שטאַרק איהר שוואַכער שיין
קען הערצער אָנ׳שיכור׳ן ווי שטאַרקער ווייַן.
איהר אייגענע קראַפט איז איהר אומבאַוואוסט,
וואָס ריהרט אויף שטורעמס פון פּיין און לוסט.

* * *

יעדער וואָס שטעהט אויפ׳ן שפּיץ פון מאַכט,
איז אַ לבנה ווינטער ביינאַכט.
אין קאַלטער שעהנקייט, אין סודות געהילט,
ער קען ניט באַנעהמען די מאַסע וואָס פיהלט.

שעהן איז זיין שיין, נאָר זיין שטראַהל איז קיהל,
אין איינזאַמקייט שוועבט ער איבער יעדען געפיהל.
בלייבע לבנה אין אַ ווינטער ביינאַכט!
איינזאַמער הערשער אויפ׳ן שפּיץ פון דיין מאַכט!

דער שניי־שטורעם

ווען עס קומען שניי און קעלט,
ווערט פאַר אונז אַ ווייסע וועלט.
פרעהליך ווערט אונז אויפ'ן האַרץ,
אוים! ניטאָ שוין מעהר קיין שוואַרץ!

אַלע בלאָטעס צוגעגלעט
מיט אַ ווייסער פעדער־בעט.
אַלע שוואַרצקייטען פאַרדעקט
קיין זאַך איז ניט מעהר פאַרפלעקט!

ווייסקייט שיינט פון יעדען זומפּ,
ווייס קוקט אוים אַ יעדער לומפּ,
ווען ער סאָפּעט דורכ'ן שניי
אין אַ שניי־שטורעמס געדריי.

עפּעס דוכט זיך אייך: אָט באַלד
קריגט די וועלט אַ ניי געשטאַלט.
שמוץ און קויטיגקייט פאַרשווינדט
אין אַ ווייסעןווירבעל־ווינט.

אַלע שאָטענס אויסגעקערט,
אַלע סודות אויפגעקלערט,
און עס ווערען מיט אַמאָל
אויסגעגליכען באַרג און טאָל!

קיין צו־אָרעם, קיין צו־רייך,
אַלע זיינען ווייס און גלייך.
עס פאַרשווינדעט דער מהלך
פון אַ טייפעל ביז אַ מלאך.

ליידער לעבט דאָס ווייסע גליק
ניט מעהר ווי אַן אויגענבליק.
ווייסער חלום פליהט אַוועק,
כאַפּסט זיך אויף און זעהסט מיט שרעק:

ווייסער חלום איז שוין ברודנע
און די וועלט איז אַלץ פּאַסקודנע.
שוין צוריסען ווייסער טלית,
ווידער רייכטום, ווידער דלות.

שוין צוטאָפּטשעט ווייסע גלייכהייט,
ווידער דלות, ווידער רייכקייט!
און דו קרעכצסט מיט גרויס גריזאָטע:
ערשט אַ שניי, און שוין אַ בלאָטע!

—פעברואַר 10טען, 1935

ימים טובים

אלול

ווי אַ לאַנגישע צעקרימונג
זעהט די וועלט איצט אויס,
און אַ טיפע אלול־שטימונג
גרוילט פון אַלץ ארויס.
צווישען הערבסט און זומער
געהט אַ שווערער קומער
פון הויז צו הויז.

ליכטיג גרינעז נאָך די גראָזען,
און דער הימעל בלויט,
אָבער בייזע ווינטען בלאָזען
שוין דורך ביין און הויט.
קאַלטע שוידערס לויפען
דורך די מערק און הויפען
און ריידען פון טויט.

ס'איז נאָך וויט פון אונזערע ברעגען,
און עס זעהט זיך קוים,
אָבער אַלע, אַלע וועגען
פיהרען היינט קיין רוים.
און דאָרט זיצט אַ רוימער
אַ צעמישטער טרוימער
פון אַ ווילדען טרוים.

ס'איז די רוימישע אימפעריע
מיט איהר אַלטער מאַכט,
איהם אריין ווי אַ כאַלעריע
אין זיין קאָפּ, בייננאַכט.
און זיין בייזער חלום
טרייבט דעם שוואַכען שלום
ארויין אין שלאַכט.

אין זיין צעזאַר־טרוים פאַרזונקען,
צינדט ער אָן אַ בראַנד,
און עס פליהען שוין די פונקען
איבער יעדען לאַנד.
מאָרד־אינסטיטנקטען זידען,
און עס שטעהט דער פרידען
צוגעדריקט צום וואַנט.

און עס שלייכט די שרעק אַרומעט
מיט איהר גרויער פאָהן,
און אַ נייגעריגער אומעט
ליגט אין יעדען טאָן.
אַלע ווארטען, פרעגען:
וועט ער זיך דערוועגען?
וועט ער עס טאָקע טאָהן?

מיט מיליאָנען הייסע אויגען
שטעהט די וועלט און קוקט.
אַלע נערווען־אָנגעצויגען,
יעדער אבר צוקט.
אויב מ'וועט זיך שלאָגען,
וואָס וועט היטלער זאָגען,
וועלכער אַלץ פאַרצוקט?

און עס עגבערט נאָך אַ פראַגע
פונקט ווי טיטוס'עס פליג:
ווי וועט זיין דעם אידענ'ס לאַגע,
ווען עס קומט אַ קריג?
איז עס בעסער, ערגער,
וואָס דער פאָלקס־דערווערגער
זוכט אין שלאַכט זיין גליק?

אפשר דאַרף מען איצט האַרמאַטען
אום די לופט צו רייניגען,
און די קינדער מיט'ן טאַטען
ווידער צו פאַראייניגען?
אפשר וועט אין שלאַכט
דעם דיקטאַטאָר'ס מאַכט
זיך צום טויט פאַרפייניגען?

טויזענט אומקלאָרע געדאַנקען
דריקען שווער און האַרט.
ווי מיט אויגען פון אַ קראַנקען
קוקט די געגענוואַרט.
נאָר אַ שעהנער חלום
צווישען קריג און שלום
ליגט און וואַרט.

—סעפּטעמבער 1935

צום נייעם יאָהר

צום נייעם יאָהר, וואָס ווינשט מען, ברידער?
איך זיץ און קלער, און קלער, און קלער!
עס איז אַזוי פיעל דאָ צו ווינשען,
נאָר די פאַרווירקליכונג איז שווער.

איך האָב אַ פולע הארץ מיט ברכות—
ווען איך זאָל קענען זיין אַ גאָט
כאָטש אויף אַ טאָג, כאָטש אויף אַ שטונדע,
וואָלט איך געוואוסט שוין, וואָס מען טוט.

איך וואָלט געכאַפּט אַ לאַנגען בעזעם
פון הארטען דראָט און הייסען שטאָל,
און אויסגעקערט דאָס ברודנע וועלטעל
און אויסגערייניגט באַרג און טאָל.

איך וואָלט געפּאַקט די גאַנצע מענשהייט
און זי צעשמאָלצען אין אַ טאָפּ,
און זי אינגאַנצען ניי באַשאַפען,
פון איהרע פיס ביז צו איהר קאָפּ.

איך וואָלט אין איהר פון אַלטען „אדם"
ניט איבערלאָזען קיין שום שפור.
איך וואָלט אינגאַנצען אומגעביטען
איהר אַלטע חיה'שע נאַטור.

אַ נייעם קאָפּ וואָלט זי געקראָגען,
אַ קאָפּ, וואָס דענקט און קלערט און טראַכט,
אַז ער זאָל ניט צעטומעלט ווערען,
און איבערבייטען טאָג אויף נאַכט.

אַ נייעם גייסט, אַ נייעם שכל,
אַ נייע הארץ, אַ נייע ברוסט,
אַ נייעם זין פאַר וועלט און לעבען,
אַ נייעם גלוסט צו גליק און לוסט.

און אַ פּאָר שפּאָגעל־נייע אויגען
וואָלט איך אַריינגעשטעלט דעם מענש,
אַז לויפּענדיג זאָל ער ניט פאַלען
אין אָפּגרונד, אין מלחמה־טרענטש.

אך, גאָטעניו, ווען איך זאָל קענען
כאָטש זיין אַ גאָט, אויף איין טאָג צייט,
וואָלט איך געוואוסט שוין ווי דאָס ניי־יאָהר
זאָל ווערען אמת׳דיג באַנייט . . .

ראש השנה

א נייער יאָהר, אַ נייע לאַטע
אויף דעם כאַלאַט פון פאָטער צייט.
עס איז דיזעלבע אַלטע שמאַטע,
נאָר אויסגעדרעהט אויפ'ן צווייטען זייט!

איהר מעגט זיך טרובען: תקיעה, שברים—
איך זעה קיין נייעס אין דער וועלט,
ווען אָרימע בלייבען ווייטער אָרים,
און גבירים האָבען ווייטער געלד.

בראש השנה תכתבו—
וואָס טויג מיר, גאָט, דיין שרייב און מעק,
אַז קוויטלעך שרייבסטו נאָר, בטבע,
און ניט קיין „סוירטיפאַיד טשעק"?

א נייער יאָהר? הערט אויף! איהר נודיעט!
דאָס אַלטע ז'אויך געווען גאַנץ גוט,
נאָר מענשען האָבען'ס פאַרפּאַסקודיעט
און עס פאַרשמירט מיט קויט און בלוט . . .

איהר מעגט מיך שעלטען אָדער בענטשען,
איך גלויב ניט אין דעם ניי־יאָהר שפּיל.
יאָ, וואָס מען דאַרף, איז נייע מענטשען,
מיט נייעם מענשליכען געפיהל . . .

דיין שופר בלאָזען, ליבער זיידע,
וועט אונז קיין ברויט און רענט ניט געבען,
מיר דאַפען דזשאַבס, מיר דאַפען „פּעידע",
מיר דאַרפען פּראָסט און פשוט לעבען.

מיר שעקט אויך ניט דער יום הדין,
זאָל זיך דער רייכער וועה־און־ווינדיגען.
אַזאַ מין קבצן, ווי איך בין,
האָט ווען אַ „טשענס" דען גוט צו זינדיגען?

הכלל, איך וועל אייך לאַנג ניט בריינען,
איך ווינש אייך אַ גוט יאָהר—קיין פראַגע!
נאָר איהר אַליין מוזט קעמפּפען, טרייען,
צו מאַכען בעסער אייער לאַגע.

דער מלך אביון

א ברוסט א פאַרדאַרטע,
א נשמה א צאַרטע,
א פלייצע א האַרטע—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

א פעדלער, א סופר,
א מאמין, א כופר,
א גיבור פון שופר—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

א דאָקטאָר, א בעדער,
א זיצער—פון לעדער,
א העלד פון דער פעדער—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

א רייכער אין מתים,
א גביר אין טליתים,
א העלד פון תעניתים—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

א טענעמענט־שררה,
וואָס לעבט אין א נאָרע
און וואַקסט, קיין עין הרע—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

נאָך ציון אַלץ גאַרט ער,
אויף נסים־לעך וואַרט ער
און בויט אויף א „טשאַרטער"—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

ער קירצט מיט א „האָרען"
דעם שטן די יאָהרען
און „פייפט" אויף גאָט'ס צאָרען—
לעדי עד ימלוך מלך אביון!

יום כפור

איך שטעה פאַר דיר, גאָט,
אָהן טלית, אָהן קיטעל,
איך זוך ניט קיין גענאַד,
איך בעט ניט קיין קוויטעל.

איך שריי ניט „על חטא“—
איך קען ניט פאַרלאַנגען
פאַרגעבונג פאַר זינד,
וואָס כ׳בין ניט באַגאַנגען.

איך האַלט אויך ניט שטאַרק
פון פּראַוועון תעניתים,
מיר פאַסטען גענוג
ווען מיר זיינען שוין מתים .

און וועגען דיין „ליבע“
צו כנסת ישראל—
דערפון ווער איך לאַנג
שוין מעהר ניט נתפעל.

בקיצור, מיין גאָט,
איך בין ניט געקומען
צו דיר מיט אַ שופר,
צו טרובען און ברומען.

איך האָב ניט, מיין גאָט,
צו דיר קיין שום טענה,
איך פאַסט ניט, איך וויין ניט,
איך שריי ניט „הושענה“.

איך וויל דיר בלויז, גאָט,
א פרעג טאָן א קשיה,
נאָר ענטפער מיר, פּליז,
אָהן דריידלעך, אָהן רש״י:

די גאנצע וועלט איז
אזוי ווי אין א כמארע,
פארמעקט יעדער גרענעץ
צווישען טומאה און טהרה.

ארויס איז פון גיהנום
די גאנצע קאפּעליע,
און הוליעט און האָפּקעט,
עס הויבט זיך די סטעליע!

ארום און ארום—
א טשאד, א מהומה,
עס זעהט זיך קיין אויסוועג,
קיין רעטונג, קיין תקומה.

איז וואָס־זשע וועט זיין?
איך פרעג דיך דאָך, טאטע!
אוי, ענטפער מיר קורץ
און אָהן א דעבאטע:

איז טאקע ניטאָ
קיין פּלאן און קיין עצה?
דיין וועלטעלע, הייסט עס,
צום טייוועל געהט זי?

און דו? וואו ביזטו?
וואָס זיצסטו דאָרט אויבען
און לאָזט זיך פון אלעמען
בענשען און לויבען?

דו זיצסט און שעפּסט נחת
פון תפילה און שירה,
און האָסט אין דער ערד
דיין גאַנצע יצירה!

איז דאָס אַזאַ שפּיל?
געגנוג שוין קאַטאָוועס!
זאָג: וואָס איז דיין פּלאַן!
לחיים? למות?

זאָג: ווער וועט געווינען:
דער מלאך? דער טייפעל?
אוי, מאַך שוין אַ סוף
צו דעם שרעקליכען צווייפעל!

הכלל און בקיצור,
איך בין שוין צו ענדע:
וואָס שווייגסטו? ווער ביזטו?
אַ גאָט? אַ לעגענדע?

אונזערע טרערן

אונזערע טרערן זיינען געפאַלען
ווי פריהלינגס רעגענס אויף טרוקענער ערד;
אונזערע טרערן האָבען צעאַקערט
שטיינערנע הערצער ווי מיט אַ שווערד.

אונזערע טרערן האָבען באַוואַסערט
וויסטע מדבריות אין יעטווידען לאַנד;
אונזערע טרערן האָבען גערייניגט
ריזיגע שטאַלען פון קויט און שאַנד.

אונזערע טרערן האָבען געזאָטען
ווי זכריה׳ס בלוט אויף יעטווידען שטיין;
טויבע אויערען און טעמפּע מוחות
האָבען מיר געלעכערט מיט אונזער געוויין.

אונזערע טרערן האָבען געקאַפּעט
אויף געלע ספרים שטיל אין דער נאַכט;
אונזערע טרערן האָבען געליאַפּעט
מיט בליץ און שטורם און דונער פון שלאַכט.

אונזערע טרערן האָבען געלאָשען,
ווי קיהלענדער באַלזאַם דעם ליידענדען׳ס וואונד;
אונזערע טרערן האָבען אונטערגעגראָבען
טראָנען פון רשעות ביז צום גרונד.

אונזערע טרערן—קריגלעך מיט בוימעל!
אונזערע טרערן—בעכערס מיט סם!
אונזערע טרערן, אַלע אינאיינעם,
פילען שוין אָן אַ גאַנצען ים.

אָך, ווען קומט שוין דער נייער משה,
מיט דעם געטליכען שטעקען אין האַנד,
וועלכער זאָל שפּאַלטען דעם ים פון טרערען
פאַר אונז און פאַר יעדען פאָלק און לאַנד?

על חטא

ווען איך האָב אָצינדערט היטלער׳ס ברוסט,
וואָלט איך זיך געשלאָגען אויף איהר מיט לוסט:
על חטא שחטאנו! זיי מוחל מיר, גאָט,
וואָס איך האָב פאַרלעצט דיינע צעהן געבאָט.

איך וואָלט מיט די פויסטען געבוכצעט אין הארץ,
אַז היטלער׳ן זאָל ווערען פאַר די אויגען שווארץ:
על חטא שחטאנו! אוי, הימעל פאַרגיב,
וואָס איך האָב אַ דייטשקע אַמאָל געהאַט ליעב!

איך וואָלט זיך געפּייניגט (אויף היטלער׳ס לייב),
איך וואָלט איהם דערלאַנגט מיט אַ קאַנטשיק אַ רייב:
על חטא שחטאנו! זיי מוחל מיין חטא,
וואָס כ׳האָב אַמאָל דייטשיש געשריבען, גערעדט!

איך וואָלט זיך צובלוטיגט (אויף היטלער׳ן) די הויט,
איך וואָלט זיך געוואונשען (אויף היטלער׳ן) דעם טויט:
על חטא שחטאנו! פאַרגיב און פאַרציי,
וואָס איך האָב געגלויבט, אַז אַ דייטש קען זיין פריי.

איך וואָלט געבראָכען (ביי היטלער׳ן) די הענט,
און פאַרצווייפעלט געקלאַפּט מיט זיין קאָפּ אין די ווענט:
על חטא שחטאנו! עס קומט מיר די בייטש,
אַז איך האָב געגלויבט אין קולטור פונ׳ם דייטש!

איך וואָלט פון יסורים אַרויף אויף אַ בארג,
און אַרונטערגעשפּרונגען (אויף היטלער׳ס קארק):
על חטא שחטאנו! אוי, פינסטער איז מיר,
וואָס כ׳האָב אַמאָל מיט דייטשען געטרונקען ביער!

איך וואָלט אין מיינע יום כפור צרות
אַ כאַפּ געטאָהן היטלער'ן און מיט איהם געשלאָגען כפרות:
על חטא שחטאנו! זיי מוחל, אוי, בורא,
אויב איך האָב געהאַנדעלט מיט היטלער'ס סחורה!

איך וואָלט געכאַפּט אַ יום כפור־ליכט
און עס געוואָרפען אין היטלער'ס געזיכט:
על חטא שחטאנו! ניט שטראָף מיך, אוי, האַר,
אויב איך האָב געצווייפעלט, אַז אַ נאַצי איז אַ באַרבאַר!

איך וואָלט דעם שופר גענומען מיט כוח
און מיט איהם צושפּאָלטען היטלער'ס מוח:
על חטא שחטאנו! אוי, שכינה'ניו, זיסע,
פאַרשרייב אונז לחיים, און די נאַצים—למיתה!

מיינע זינד

חטאתי, עויתי—
יאַ־וואָהל, מיינע הערען!
כ׳האָב שרעקליך געזינדיגט,
איך קען עס אייך שווערען.

איך בין, מיינע פריינדע,
אַ רשע, אַן אכזר,
דאָך ניט פון דעם „טאַיפּ“,
ווי עס שטעהט דאָרט אין מחזור.

מיינע זינד זיינען אַנדערש
ווי ביי מענשען געוועהנליך.
איך האָב געזינדיגט,
נעגען זיך פּערזענליך.

נאָך פאַר מיין געבוירען
האָב איך זיך פאַרראַטען,
ווען כ׳האָב אויסגעקליבען
אַ קבצן אַ טאַטען.

דערנאָך בין איך געגאַנגען
אַזוי לאַנג אין די שקאָלעס,
ביז איך בין געבליבען
אַן אביון מיט פּאָלעס.

געקומען קיין אַמעריטשקע—
על חטא שחטאנו!—
נו, מאַך איך גאָר פּאָעמאַס,
אַנשטאַט צו מאַכען „מאָני“!

פונדעסטוועגען בין איך זיך
געווען אַ פרייער אינגעל,
נו, געה איך און האָב חתונה,
אַנשטאַט צו בלייבען „סינגעל“!

פון צרות שפּיל איך פּינאַקעל,
אוי, גאָטעניו, על חטא!—
נו, קויף איך אַ 400
אין שיפּע—און ווער „בעיט“!

איך בין דאָך, ווי איהר קענט מיך,
אין פינאַנץ אַ גרויסער בקי,
נו, געמבעל איך אויף וואָל סטריט,
און קום אַרויס נקי!

איצט שריי איך חי וקיים
און שנעל זיך שטאַרק אין קנעפּעל:
על חטא—איך האָב געזינדיגט,
ווייל כ׳האָב אַ אידיש קנעפּעל.

דערפאַר בין איך—חטאתי!—
אַ שרייבער און אַ קענער.
פאַרוואָס בין איך ניט בעסער
אַ פּראָסטער איטאַליענער?

כ׳וואָלט אפשר דאַן געוואָרען
אַ רייכער רעקעטיר,
און אַלע פיינע לייטע
וואָלטען געהאַט רעספּעקט פאַר מיר.

הושענה

זיי שלאָגען דעם שטענדער:
הושענה! הושענה!
זיי האָבען צו איהם
א געוואַלדיגע טענה.
ניט גוט איז ר' משה'ן,
און שלעכט איז ר' סענדער;
נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך:
וואָס האָט איהר צום שטענדער?

דער שטענדער איז גאָט
די נשמה דאָך שולדיג.
איר קוועטשט אים, איר דריקט אים,
און ער שווייגט געדולדיג.
איר ליגט אויף אים אָנגעשפּאַרט
ביי דער גמרא,
איר לערענט אויף אים
„שור שנגח את הפרה".

איר זאָגט אויף אים חצות
מיט געזאַנג און העויות,
איר ברענט אים מיט חלב'נע
ליכט ביים משניות,
איר וויינט אויף זיין קאָפּ
ווען איר דאַוועט און כליפּעט—
און שטיל שטעהט דער שטענדער;
ער קרעכצט בלויז און סקריפּעט.

נאָר פּונקט אין דעם טאָג
ווען איר דאַרפט שטעהען אין קיטעל,
און בעטען ביי גאָט
א גע'חתמ'עט גוט קוויטעל,
אָט פּונקט דאַן—אוי, מענשען,
אוי, פעלקער, אוי לענדער!—
באַפאַלט איר ווי ווילדע
דעם אָרימען שטענדער!

איך קוק אויף דעם שטענדער
און ווער מעלאַנכאָליש.
מען שלאָגט אים אין מזרח,
מען שמייסט אים אין פּאָליש.
עס שלאָגען דיך, שטענדער,
סאַי גלייכע, סאַי קרומע—
אָט פּונקט ווי מען הרג'עט
די אידישע אומה.

די מענשהייט איז זינדיג
אין גוף און נשמה.
זי דאַרף אַ מחילה,
אַ הילף, אַ נחמה.
איז וואָס, מיינט איר, טוט זי
די מענשהייט די פּיינע?
זי ממית'ט דעם אידען
און רעוועט „הושענה!"

אַזוי טוט מען „תשובה"
אין אַלערליי לענדער.
מ'גלאָצט מיט די אויגען,
און מ'בעזימט דעם שטענדער.
דעם שטענדער, דעם סענדער,
מען שלאָגט זיי אָהן מורא,
דערפאַר, וואָס מען האָט
געלערענט ביי זיי תורה . . .

אַ לאַנגע געשיכטע
פון הונדערטער בענדער.
זי ציהט זיך דורך צייטען
און דורות, און לענדער.
אַוואו נאָר אַ רשע,
וואָס פיהלט, אים קומט גיהנום,
טוט ער תשובה מיט קלעפּ
אויפ'ן רוקען פון יענעם.

אזוי איז דאָס תמיד,
ר׳ חיים, ר׳ סענדער:
דער גוי איז די הושענה,
דער איד איז דער שטענדער.
אזא מין סאָרט „תשובה“
טויג גוט אויף כפּרות—
דערפאַר איז די וועלט טאַקע
אייביג אויף צרות.

—אָקטאָבער 19, 1938

הקפות

דרעהט זיך און דרעהט זיך
און דרעהט זיך דאָס ראָד,
טאַנצען מיר אַלע
אין דעם קאַראַהאָד.
דרעהט זיך די וועלט
אין אַ קאָמישען קרייז,
דרעהט זיך און דרעהט זיך
משוגע׳נערווייז.

דרעהען זיך מענשען
פון אַלערליי שניט,
ווער ביי די זייטען,
און ווער אין דער מיט.
טאַנצט זיך אַ יעדער
מיט זיין אייגענער תורה
און שרייט צו אייך: מיינע
איז די בעסטע סחורה!

דרעהט זיך דאָס רעדעל
אַהין און אַהער,
דער קאָפּ איז שוין דול
און דער פוס איז שוין שווער.

וויגט מען זיך, דרעהט מען זיך
אַט דאָ און אַט דאָרט,
אָבער מען בלייבט אויף
דעמזעלביגען אָרט.

זוכט מען אַן אויסוועג,
מען רייסט זיך, מען שטופּט,
אָבער דער קנופּ איז שוין
צופיעל פאַרקנופּט.
מ׳קען ניט אַריין
און מ׳קען ניט אַרויס,
דרעהט מען זיך ווייטער,
ביז די כחות גערען אויס.

דרעהט זיך אַ מענשהייט
משוגענערווייז
אין קריזיס, ווי אין אַ
פאַר׳כשופ׳טען קרייז
און אומעטום קרעכצט מען,
סאַי דאָרט און סאַי דאָ:
הושיעה נא!

די בעסטע סחורה

מיר דרעהען זיך ארומעט
און פֿעדלען מיט דער תורה.
מיר שרייען: קויפֿט, קויפֿט קונים!
דאָס איז די בעסטע סחורה!
די תורה איז אן „עץ חיים"
מיט לעבעדיגע פּרות!
זי האָט אַ וועלט מיט מצוות,
און אויך אַ סך עבירות.

זי האָט אויך פיל תעניתים,
וואָס זיינען גוט צום מאָגען;
אויך תפילות און על חטא'ן,
אין הארצען זיך צו שלאָגען.
איהר קענט דאָס אַלעס קריגען,
מיר וועלען אייך ניט קאַרגען.
קאָם־אָן, איהר גוטע גויים,
און כאַפּט דעם גרויסען באַרגעין!

מיר גיבען אייך אַלס צוגאָב
אַוועק דעם פּרנס חודש,
דעם גבאי מיט'ן שמש
און אַנדערע כלי־קודש.
מיר שענקען אייך בחינם
די היינטיגע רבנים,
און אַלע גראָבע־יונגען,
וואָס זיינען איצט חזנים.

איהר קענט אויך ביי אונז קריגען,
פֿאַר אָפּגעריבענע סענטען,
אַ כאַפּטע עם־ארצים,
וואָס זיינען שול־פּרעזידענטען.

אויך אַלע פּאָליטישענס,
וואָס קושען פרום די תורה —
איהר קריגט ביי אונז פאַר נאַטינג
די דאָזיגע מיאוסע סחורה.

העי, קונים! העי יוונים!
באַרבאַרען, זולל־וסובאים!
קויפט יושר, צדק, רחמים,
און אַנדערע מעשים טובים!
מיר אויספאַרקויפען אַלעס!
מיר לאָזען זיך קיין ברעקעל —
מיר האָבען מעהר קיין כוח
זיך שלעפּען מיט דעם פּעקעל . . .

מיר פּעדלען מיט דער סחורה
שוין פילע טויזענט יאָהרען,
צו אַלע וועלט־יאַרידען
מיר לויפען, יאָגען, פאָהרען!
אויף אַלע מערק מיר שרייען
ווי עכטע פּעדלער־אידען:
קויפט מענשליכקייט, גזלנים!
קויפט ליבע, פרייהייט, פרידען!

נאָר קיינער וויל ניט נעהמען
די מצוות און געבאָטען,
און אונזער שעהנע סחורה
ווערט מיט די פיס געטראָטען.
מען שלאָגט אונז און מ׳טרייבט אונז,
אַנשטאַט ביי אונז צו קויפען —
און ווייטער מוז דער פּעדלער
מיט זיינע פּעקלעך לויפען.

ווי שווער עס איז די משא!
עס ברעכט דער פּאַק די פּלייצע.
וואָס טוט מען, גוטע ברידער?
ווי גיט מען זיך אַן עצה?
מיר האָבען טייערע סחורה,
נאָר קיינער וויל ניט קוקען.
און קראַנק איז שוין פּעדלער,
ער האָט שוין באַלד קיין רוקען ...

עוזר דלים הושיעה נאָ!
אוי, העלף אונז, טאַטע־פאָטער,
און שיק אונז צו אַלס קונים
דעם דייטש, דעם טערק, דעם טאָטער.
אוי, זאָלען זיי שוין אויכעט
דיין פּאַק אַביסעל שלעפּען.
אוי, גיב זיי אונזערע צרות,
דאַן וועלען זיי אונז ניט טשעפּען.

—אָקטאָבער 20, 1935

ערב פסח

מען רוקט פון די ווינקלען
די בעטען און טישען.
מען פייערט און שייערט
די טעפּ און לאָדישען.
מען סקראָבעט פּאָדלאָגעס,
מ׳קאַלעכט די סטעליע—
ברוך הבא—
ערב פּסח קאַפּעליע!

פּאַרטייעט, פּאַרשמייעט
עס לויפט אַרום יעדער.
מען וויל פון אַ כאַאָס
באַשאַפן אַ סדר.
מ׳האַנדעלט, מ׳וואַנדעלט
פּאַרטייעט, פּאַרשמייעט—
און דאָס איז אַ סימן
פון אידישער פרייהייט.

פון פּעדלערס ביי פושקאַרטס
עס גיסט זיך די פּראַצע,
עס קריגען זיך ווייבער
וואָס האַנדלען מיט מצה.
עס ווערט אַ געשלעג
צווישען זרח און חיים—
און דאָס איז אַ סימן
פון יציאת מצרים.

קויפט, קויפט מציאות!
באָרשט, מרור, חרוסות!
קויפט כשר׳ן וויין
פאַר די ארבע כוסות!
קויפט רעטעך, קויפט פּעטרישקע,
קויפט זויערע פּיקעל,
צוויי פאַר אַ פּעני
און צוועלף פאַר אַ ניקעל!

אזוי ווערט געשאפען
ביי אידען א סדר.
מיר געהען נאך אלץ
אין דעמזעלביגען חדר.
מיר זיינען ווי פעדלער
וואס האנדלען מיט קנאבעל,
נאר חלומ׳ען חלומען מיר
מלכות׳דיג—נאבעל.

דער ראזמאך איז א גרויסער,
און גרויס איז דער וועלער.
עס קאכט דער ערב פסח
פון דאך ביז צום קעלער.
מיר מאכען פאר אלעם
די גרעסטע הכנות,
און מיר גרייטען זיך צו
מיט די ריינסטע כוונות.

נאר וואס קומט ארויס דערפון?
איהר זאלט מיך ניט פרעגען.
א ריזיגער שטורעם—
א קליינינקער רעגען.
א מצה, א קניידעל—
אט דאס איז דער פסח,
און דער הייליגער וויין
איז גאר יין נסך!

מיר זיינען אפילו
אויפ׳ן סדר קיין קעניג,
ווייל מיר טומלען צופיעל,
און רייניגען צו־וועניג.
מיר שארען דעם חמץ
מיט א גענזענער פעדער . . .
ווי קענען מיר זיך אנגרייטען
אן אמת׳ן סדר?

—אפריל 14, 1935

ביים סדר

זיצט דער איד אין ווייסען קיטעל
אויף דער היסב־בעט,
זיצט און מלכות'ט ווי א קעניג
מיט זיין קאבינעט.

אויסגעקאמטע באָרד און פאות
שימערען ווי זייד.
און דאָס ווייב אין בגדי מלכות
קיניגט ביי זיין זייט.

און די קינדער, ווי באַנייטע,
זיצען אַרום טיש,
קוקען אויף דער ווייסער מצה
און די געלע פיש.

אין דער מיט עס שטעהט די קערה:
כרפס, זרוע, אַן איי,
און דאָס ליכט פון דער מנורה
שפיגעלט זיך אין זיי.

רויטער וויין פון ארבע כוסות
ווארפט א ראָזע שיין
אויף דעם אויסגעבלייכטען מלך,
אויף זיין גאַנצען זיין.

און דער איד זאָגט די הגדה
מיט א פלינקער צונג:
פּאַטערט אָפּ דאָס גאַנצע זאָגעכץ
אין א קאַצען־שפּרונג.

נאָר ווען ס'קומט צו עשר מכות,
האלט ער זיך שוין איין.
לאַנגזאַם צעהלט ער יעדע מכה
מיט א טראָפּען וויין.

יעדע מכה שטעהט פֿאַרשריבען
אין הגדה קלאָר,
און דער איד זיי צעהלט ווי פּערל
שוין צוויי טויזענד יאָהר.

דם, צפרדע, כנים, ערוב—
אוי, ער קען זיי גוט,
אָט די אַלע פיינע מכות,
וואָס פאַנגען אָן מיט בלוט . . .

נאָר בעת ער צעהלט די מכות
קען ער ניט פֿאַרשטעהן:
„ועמען מיין איך? מיין איך פּרעה'ן,
אָדער זיך אַליין?"

און ער רעכענט מיט'ן פינגער
פּונקט ווי מיט אַ פען:
דם, צפרדע, כנים, ערוב—
ביז ער צעהלט אָפּ צעהן.

„איצטער וויים איך! גיט דער איד זיך
פון זיין טרוים אַ ריס—
„אויב ס'איז נאָר אַ צענדליג, איז עס
פּרעה'ס גאַנץ געוויס!

„אויב איך צעהל זיי, איז דאָס פּרעה'ס
מכות פון אמאָל.
ווייל צו מיינע אייגענע מכות
איז ניטאָ קיין צאָל . . .

—אַפּריל 21, 1935

ספירה

אָט ערשט געווען פּסח
מיט וויין און מיט שירה,
און אָט זיצט דער איד שוין
און צעהלט טרויעריג ספירה.
ער צעהלט זיינע טעג אָפּ
מיט טיפער כוונה—
אין יעטווידען ספירה־טאָג
זעהט ער אַ סכנה.

דאָס אידישע לעבען—
ווי מאָדנע קאַפּויער!
ביי איהם איז דער פריהלינג—
די צייט פון טרויער!
ווען גאָלדענע שטראַהלען
פון האָפנונג זיך וועבען—
זיצט דער איד און רעכענט
דעם סוד פון זיין לעבען.

יאָ, וואָס איז דער סוד
פון'עם אידישען לעבען?
אפילו די קבלה
קען דעם שליסעל ניט געבען.
מיר צעהלען די טעג,
און מיר זוכען אַ רמז—
נאָר אפילו דער זוהר
דערצעהלט ניט דעם אמת.

„מה אני—וואָס בין איך?
און וואָס איז דער צוועק
פון מיין אייביגען לעבען
אין אייביגער שרעק?

אין אייביגער שרעק,
און אין אייביגען קאמף,
מיט ברויזענדען אימפעט,
מיט קאך און מיט דאמף?

„איך טראג זיך ארום
מיט א גאט, א מאראל,
מיט מצוות און מידות
פון לויטערסטען קוואל —
און וואו איך באגעגען
א כאם און א כלאפ,
איך שטופ זיי איהם אין האנד,
און איך ווארף זיי איהם אין קאפ . . .

„דער כאם אבער האט שוין
זיין אייגענעם געץ,
נו, גיט ער מיר פאר מיין
„מתנה“ א זעץ
אין די צייהן און די אויגען —
ס׳איז פשוט א נס,
וואס ער האט פון מיר
ניט געמאכט שוין קיין מת.

„נאר איך, ווי געיאגט
פון א געטליכער בייטש,
איך קריך צו איהם ווידער,
צום רוס און צום דייטש,
און שטופ אין דער האנט
פון דעם כאם און דעם קנעכט
מיין תורה פון פרייהייט,
פון יושר און רעכט . . .

„אוי, דאָס איז אַ שווערע,
געפעהרליכע שפּיל!
איז דאָס טאַקע, ברידער
אונזער תּכלית און ציעל?
איז דאָס אונזער מיסיע
אויף דער ערדישער גאַס:
צו פּרעדיגען ליבע
און אַרויסרופען האַס?"

ניט וואונדערט זיך מענשען,
וואָס אין מאָנאַט פון פרייד
שטעהט דער איד פאַראומערט
און צעהלט שטילערהייד.
די ספירה איז זיין חשבון
צווישען זיך און זיין גאָט:
דער איד וויל דערגעהען
פון זיין לעבען דעם סוד . . .

—מאַי 5, 1935

איד, וועלט, לעבען

וואו אהין?

זאגט מיר, וועלכען וועג, איך בעט אייך,
זאל דער איד זיך היינט אויסקלייבען?
זאל ער מיט די נייע לופען?
זאל ער מיט די אלטע בלייבען?

אז קיין זאך איז היינט ניט זיכער,
ניט קיין אלטעס, ניט קיין נייעס!
וואו איהר שטעהט—דיזעלבע מורא,
און דיזעלבינע אחריות.

אז צעטרייסעלט און צעשמעטערט
זיינע אלע וועלט־יסודות,
און דער גאנצער גאנג פון לעבען
איז א פלאנטער היינט פון סודות.

אז צעשטערט איז יעדע לאגיק
און דער שכל טאפט א בלינדער.
קינדער האסען זייערע טאטעס,
טאטעס האסען זייערע קינדער.

אז פארשטעלט איז יעדע אויסזיכט
מיט א וואנט פון בלוט און אייזען,
און איהר קענט היינט גארניט וויסען
וואס דער מארגען וועט באווייזען.

און דער היינט איז ווי א וויכער,
וועלכער דרעהט מיט טויזענט כוחות;
און פארדרעהט, פארטשאדעט ווערען
אלע קעפ און אלע מוחות.

אין אזא מין צייט, א וויסטער,
וואו אלץ דרעהט זיך גיך און גיכער,
יעדער פונדאמענט זיך שאקעלט
און עס שטעהט ניט קיין זאך זיכער—

וואָס זאָל טאָן דער איד, דער בירנער,
וועלכער שטעהט אין סאַמע צענטער
פון אָט דער צעשרויפטער מענשהייט,
דער צעכראַסקעטער, צעטרענטער?

וואו אהין זאָל ער זיך אויסדרעהען,
און ביי וועמען זאָל ער פרעגען,
אַז מ׳דרעהט פון אַלע זייטען
און מ׳שטויסט אויף אַלע וועגען?

אוי, מ׳דרעהט פון אַלע זייטען,
און מ׳שלעפּט פאַר אַלע פּאָלעס!
אוי, מ׳שלעפּט אין אַלע שולעס,
און מ׳וואַרפט פון אַלע שקאָלעס!

און מ׳שלאָגט מיט טויזענט פּאַלקעס,
און מ׳שניידט מיט טויזענט מעסערס!
איז דאָס טאַקע אונזער שיקזאַל?
אפשר האָט איהר עפּעס בעסערס?

1937—

אַ מיתה משונה

דער אידישער הײ־סקול שילער,
איזידאָר גאָלדשטײן, פון 659 פאָקס
סטריט, בראָנקס, איז געשטאָרבען
פון אַ געהירן־שלאַג, וואָס ער האָט
באַקומען פון צופיעל לערנען. —
צײטונגס באַריכט.

אַ מאָדנע נאַציע זײנען מיר,
מיר קינדער פון סעמיטען;
די וועלט וועט קײנמאָל ניט פאַרשטעהען
דעם אידען׳ס מאָדנע זיטען!
מיר ריכטען אונזער לעבענס־צײט
ניט נאָך דעם פעלקער־זײגער:
מיר לעבען און מיר שטאַרבען אויף
אַ גאַנץ באַזונדער שטײגער.

מיר זײנען זיך פון קאָפּ ביז פוס
אַ ספּעציעלע אומה:
די גאַנצע וועלט האָט גלײכע נעז,
מיר אידען — האָבען קרומע;
די גאַנצע וועלט געהט אויסגעשטרעקט,
ר׳ יעקב טראָגט אַ הויקער;
די גאַנצע וועלט שפּיעלט פוטבאָל־שפּיעל,
ר׳ ברוך שפּיעלט אין פּויקער.

די גאַנצע וועלט האָט שטאַרקע הענד,
דער איד — אַ שטאַרקען מוח;
די מענשהײט לעבט פון קראַפט און שטאָף,
דער איד — פון לופט און רויך;
די וועלט פאַרגיסט אומשולדיג בלוט,
דער איד—אומשולדיגע טינטען;
די מענשהײט האָט אַ הארטען קאָפּ,
דער איד—אַ הארטען הינטען.

און מאָדנע ווי זיין לעבען איז,
איז אויך דעם אידען'ס שטאַרבען:
ער פאַלט ניט שיכור אויף דער גאַס,
זיך שפּאַלטענדיג דעם שאַרבען;
זאָגאַר די „סיפיליסירטע" קרענק
איז אויך פאַר איהם קיין סחורה.
דער איד האָט האָלד אַן ע ה ר ע ן - טויט:
ער שטאַרבט פון צו־פיעל תורה.

שטאַט ליידען פון דער „ווענוס־קרענק",
קרענקט ער אויף „לאַטייניטים";
אנשטאַט פון אַלטען חזיר־פעטס,
שטאַרבט ער פון „דיכטעריטיס";
שטאָט איבערעסען זיך מיט שויין,
שטאָפּט ע ר זיך מיט עסטהעטיק,—
און ס'פּלאַצט אַן אָדער איהם אין קאָפּ
פון צופיעל אריטהמעטיק.

אָ יעס, מיר זיינען, גאָט זיי דאַנק,
אַ גאַנץ טשיקאָווע אומה,
מיר פיהרען זיך גאָר אַנדערש ווי
די גאַנצע וועלט, די דומע.
וואָס קימערט אונז די גאַנצע וועלט?—
זי איז ברוטאַל און נאַריש!
מ י ר לעבען פון פּאַפּיער און טינט
און שטאַרבען—ל י ט ע ר א ר י ש.

ווילנא

מען מאכט אין דיר שוין אויך פּאָגראָמען,
אָ, ווילנא, מיט דעם ריינעם נאָמען,
ווילנא, מיין ווילנא!
דו, שטאָדט פון גייסט, קולטור און פרידען,
מען שלאָגט ביי דיר שוין אויבעט אידען,
ווילנא, מיין ווילנא!

דו שטאָלצע יחסן׳טע פון ליטע,
מיט גאונים, לומדים אלס דיין סוויטע,
ווילנא, מיין ווילנא!
דער כוליגאַן איז איצט ביים „גאון“
און אַנשטאַט חכמה און הגיון
דו האָסט איצט רשעות, בלוט, שגעון—
ווילנא, מיין ווילנא!

מען האָט אַרויפגעדרוקט אַ שטעמפּעל
פון טומאה אויף דיין ריינעם טעמפּעל,
ווילנא, מיין ווילנא!
ביים רב איז שטיל און שטום ביים מגיד,
איוואַן איז איצטער דיין „מתנגד“,
ווילנא, מיין ווילנא!

דו ביזט געווען פאַר אונז דור־דורות
דער קוואַל פון חכמות און פון תורות
ווילנא, מיין ווילנא!
אַצינד ביזטו פאַר אונז געוואָרען
אַ קוואַל פון וועהטאָג און פון צאָרען—
ווילנא, מיין ווילנא!

—נאָוועמבער, 1931

לעזענדיג דייטשע לידער

זיי זינגען נאָך אזעלכע שעהנע לידער
אין זייערע בלעטער, ביכער און זשורנאַלען!
זיי זינגען נאָך פון גאָט, פון זון, פון שטראַהלען,
פון מענשען־ליבע און פון מענשען־ברידער.

ווי קענען זיי? ווי נעמט זיך צו זיי לשון,
ארויסריידען אזעלכע ריינע ווערטער,
ווען טומאה הערשט אין אַלע זייערע ערטער,
און יעדער ליבעס־פונק איז דאָרט פאַרלאָשען?

ווי קענען זיי? ווי קען א מענש גאָר זינגען
אין דעם קאָנצערט פון יאמערליכע „אוי'ען"?
וואו בלוט־הינט בילען און שאַקאַלען וואָיען,—
ווי אזוי קען דאָרט די צאַרטע לירע קלינגען?

זיי זינגען נאָך אזעלכע שטילע לידער
פון פרומען זיפץ און ציטערדיגען בענקען,
זיי זינגען נאָך פון געבען און פון שענקען,
פון מקריב זיין דאָס הארץ פאר מענשען־ברידער.

אוי, דייטשען, דייטשען, אפגרונט־טיפע דייטשען!
איהר זענט דער גרעסטער סוד אין דער געשיכטע.
איהר רעדט פון געטהע, שילער, קאַנט און פיכטע,
און פאָכעט, ווי קאָזאקען, מיט די בייטשען.

איהר קוקט צום הימעל און איהר צעהלט די שטערן,
איהר זיצט און חלום'ט אונטער דער לבנה—
און דאָך זיינט איהר די גרעסטע וועלט־סכנה,
א שווארצער וואלד מיט 80 מיליאָן בערען.

ווי שעהן זיי קענען זינגען, ליבען, בענשען,
די דייטשע דיכטער אין די דייטשע בלעטער!
און אָט דיזעלבע ליריקער, א, געטער!
ווי שוידערליך זיי קענען האסען מענשען!

אין זעלבען וואלד וואו געטליכע אקארדען
פון הארץ און זעלע, קלינגען—א מחיה!—
לויפט אום די אלטע, בייזע, דייטשע חיה,
און וויל די גאנצע, גאנצע וועלט אויסמארדען!

מיר שטעהען פאר א גרויסער, טונקלער חידה.
ווער קען פארשטעהען די דאזיגע בלאנדע בריאה?
ווי געטליך־שעהן זי איז אין איהר עליה!
און ווי טייוולאניש־מיאוס אין איהר ירידה!

מיר שטעהען ווי געפלעפט פאר אט דער חידה,
און ס'כאפט א גרויל, א דייטש, ווען איך בארעכען,
ווי שווער די שטראף וועט זיין פאר דיין פארברעכען
אין יענעם טאג פון מידה כנגד מידה . . .

אַ אידישיסטקע

איך האָב שוין לאַנג ניט אַזוי גוט געגעסען,
(איך מיין צו זאָגען: אַזוי גוט געשפּייזט).
מיר זיינען זאַלבע־צוּוייט ביים טיש געזעסען,
(איהר מאַן איז דעמאָלט גראָד געווען פאַררייזט).

דער וויין—אַ פּראַכט! נאָך בעסער—די קאָטלעטען,
און זי אַליין—מיט אַלע טעמים פול!
און נאָכ'ן עסען האָט זי מיך פאַרבעטען
צו זעצען זיך אין פּאַרלאָר אויף אַ שטוהל.

דער שטוהל איז ווייך ווי פון די ווייכסטע פּוכען,
דורך גרינע שליירס שימערט לאַמפּען־ליכט,
און מאָדנע ליטעראַרישע גערוכען
פון יעדען ווינקעל גלעטען מיין געזיכט.

דאָס צימער איז מאָדערנע־אידישיסטיש,
אַ גאַנצע וואַנט—מיט ביכער אויסגעציערט,
און יעדעס בוך איז אויסגעשטעלט אַרטיסטיש,
אין איינקלאַנג מיט זיין לענג און זיין קאָליר . . .

איך זעה דאָרט ביכער רק פון אידיש־שרייבער,
(פון אַנדערע שפּראַכען זעה איך דאָרט קיין שפּור),
פון אַלע מענער און פון אַלע ווייבער,
וואָס שאַפען מאַמע־לשון־ליטעראַטור.

נאָר זי אַליין (דאָס מעג אייך זיין אַ חידוש)
זי רעדט נאָר ענגליש—און דוקא מיט די הענט,
און וואָס איך זאָל ניט פרעגען זי אויף אידיש,
זי ענטפערט ענגליש, מיט אַ פּוילישען אַקצענט.

עס לויפט אַריין איהר אינגעל, פרעך און מונטער,
און די טיר פאַרהאַקט ער מיט אַ „בענג“,
אַ קלוגער באָיטשיק און אַזאַ געזונטער!
ער רעדט גוט ענגליש, נאָר געמישט מיט „סלענג“.

די מוטער קוועלט פון נחת און פון פריידען,
ער איז איהר מלאך, קענטיג, און איהר גאָט.
איך פּרוּף צו איהם אַ אידיש וואָרט אויסריידען—
ער קוקט אויף מיר ווי אויף אַ האָטענטאָט!

דאָס אָרט מיך שוין, איך לאָז אים שטעהן אין מיטען
און געה צו צו די ביכער—אוי, ס'אַ שאַנד!
די מערסטע זיינען גאָרניט אויפגעשניטען!
זיי זיינען בלויז אַ צירונג פאַר דער וואַנד . . .

איך פיהל אין הארצען ווי אַ הייסע לאַווע
פון צער און צאָרען שטייגט פון טיפסטען גרונט.
איך שפּיי אַ קלעק אויף דער „אידישיסטישער" חוה,
און לאָז זי איבער אָהן אַ זיי־געזונט.

פאַרוואָס ער קומט ניט

און אַז משיח וועט קומען
מיט זיין גאולה־סוויטע,
איז, ווער וועט איהם באַגעגענען?
וואו איז די קאָמיטע?

אַז יעדער איז פאַרנומען,
און וויל פון גאָר ניט וויסען,
איז, אַז משיח וועט קומען,
אוי, ווער וועט איהם באַגריסען?

איך שטעל מיר פאָר אַזאַ בילד:
משיח איז געקומען,
אַ שעהנער איד, אַ וואַזשנער,
נאָר מיט אַ צונג אַ שטומען.

ער קען נעבעך קיין ענגליש,
ווי אַלע אימיגראַנטען.
נו, שטעהט ער דאָרט אין וואָקזאַל
און וואַרט אויף אַ באַקאַנטען.

ער שטעהט מיט זיינע פעקלעך
און פיהלט זיך שטאַרק פאַרלעגען,
ער קען קיין ענגליש ריידען,
נאָר זיינע אויגען פרעגען:

„וואו זיינען מיינע אידען,
דאָס פאָלק פון צער און צאָרען,
וואָס האָט געבענקט, גע׳חלש׳ט
נאָך מיר אַזוי פיעל יאָהרען?

„איך האָב געמיינט, איך וועל זיי
דאָ טרעפען אַלע וואַרטען
אויף זייער גואל־צדק,
דעם לאַנג־און־הייס־געגאַרטען.

„צום סוף גאָר, לאָזען זיי מיך
דאָ זיצען ווי אַ גולם
מיט מיינע גאולה־פעקלעך!
איך שעם זיך פאַר'ן עולם . . ."

אוי, האָב ניט קיין פאַראיבעל,
משיח'ניו בן־דוד,
וואָס קיין איד איז געקומען
דיר אָפּצוגעבען כבוד.

זיי זיינען נעבעך אַלע
איצט ביזי און פאַרנומען,
זיי האָבען איצט אַ מיטינג,
און טאַקע וועגען דיין קומען.

דער מיטינג איז גערופען
צו אַפּאָינטען אַ קאָמיטע,
וואָס זאָל אָפּוואַרטען ביים סטיישאָן
משיח'ן מיט זיין סוויטע.

נאָר אידישע מיטינגען זיינען
פון גאָר אַ מאָדנעם שטייגער:
אַ מיטינג גערופען אויף זיבען
עפענט זיך צעהן אַזייגער.

און אַז מ'זיצט ביים מיטינג
פאַרגעסט מען דעם וויכטיגסטען ענין,
ווייל ס'רוקען זיך אונטער זאַכען
אַנדערע, אַ גאַנצער מנין.

אַנשטאַט צו געהען און אַפּאָינטען
אַ „משיח רעספּשאָן קאָמיטע",
מ'פאַנגט גאָר אָן דעבאַטירען
וועגען דער, אָדער יענער שיטה.

עס מעלדען זיך הונדערט רעדנער,
וואָסריידען מיט שטאָלץ און גדולה,
און יעדער וויל זיין אַ משיח
און ברייגנען זיין אייגענע גאולה.

אזוי געהט אוועק דער אָוונט,
מיט אַלערליי זייטיגע זאכען,
עס ווערט שוין צוויי אזייגער
און מ׳מוז דעם מיטינג פארמאכען.

נו, לעגט מען אָפּ די פראגע,
און מעג זי זיין ווי וויכטיג,
אויף נאָך און נאָך אַ מיטינג,
אַבי מען רעדט נאָר טיכטיג.

אוי, גוטינקער משיח,
נאָך ווארט אביסעל, ביטע!
מען האָט נאָך באשלאָסען
וועגען דיין רעספּשאָן קאָמיטע.

זיי זיצען נאָך ביים מיטינג
און דארפען ערשט באשליסען:
צי מ׳דארף בכלל משיח׳ן?
און ווער זאָל איהם באגריסען?

נאָך דער קאָראָנאַציע

נאָך דער קאָראָנאַציע
פון ענגלישען קעניג,
וואָלט אונז אַ וואַקאַציע
געשאַדעט גאָר ווייניג.

מיר זיינען פאַרמאַטערט
פון דעם גרויסען ספּעקטאַקעל,
און אַביסעל פאַרקאַטערט
פון דעם גאַנצען סך־הכל.

ווייל, וואָס איז געבליבען
און וואָס איז געוועזען?
ווי גאָר ניט געשריבען
און גאָר ניט געלעזען!

אַ וויר־וואַר, אַ טומעל,
אַזוי ווי ביי אַן „אָקשאָן“,
מיט'ן פאַרביגען רומעל
פון אַ „בראָדוועי פּראָדאָקשאָן“.

אַ בלענדענדעס שונד־שטיק
מיט „מערשע און טענצע“,
מיט קעניגליכע קונסט־שטיק,
און הויכע עקסעלענצען —

פאַרביי פאַר די פענסטער
מיט פערד און מיט רייטער
ווי אַ מחנה געשפּענסטער —
און וואָס וועט זיין ווייטער?

„פיניטא לא קאָמעדיע“,
דער שפּאַס איז צערונען,
און די גרויסע טראַגעדיע
ווערט ווייטער געשפּונען.

דיזעלבע דיפּלאָמאַטען
און דיזעלבע אינטריגעס,
די גלייכע האַרמאַטען
און די גלייכע הריגות.

דער פאָרהאַנג איז אַראָפּ,
גאָר הינטער די קוליסען —
וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ,
אַך, גאָט, ווער קען וויסען?

אַז אַלץ ווערט פאַרטראַכט
בסוד סודות, קונקעל־מונקעל,
און אַלץ ווערט געמאַכט
ווי גנבות, אין דער טונקעל.

אוי, עפענט כאָטש אַ שפּעלטעל
פון אייער פאָרהאַנג, דעם געדיכטען,
און ווייזט אונזער וועלטעל,
וואָס איהר קאָכט פאַר געריכטען!

וואָס גרייטען זיי אָן דאָרט
פאַר יעדער מדינה?
וואָס וועט זיין מיט שפּאַניען,
און וואָס—מיט פּאַלעסטינע?

וואו האַלט איהר, דיפּלאָמאַטען,
מיט היטלער'ס וויסטען חלום?
וועט איהר איהם ווייזען דעם קולאַק,
צי מאַכען מיט איהם שלום?

אויף וועמענס זייט שטעהסטו,
אָ, אַלטע דיפּלאָמאַטיע?
אויף דער זייט פון דיקטאַטור,
צי מיט דער דעמאָקראַטיע?

אָט די אַלע פראַגען
פון יעטווידער נאַציע,
האָט גאָר ניט פאַרענטפערט
די שעהנע קאָראָנאַציע.

מיט פאַלשע עפעקטען
און פורים־שפיעל סכעמעס,
מען קען ניט פאַרדעקען
דעם ביטערען אמת.

—מאַי 1937

עס ברענט!

ברענט אַ בראַנט אין דרום,
ווער־זשע קען שוין שלאָפֿען?
האַלאָוועשקעס פֿליהען
אויבעט שוין קיין צפֿון.

מוסאָליני אונטען
און יאַפּאַן דאָרט אויבען.
ביידע ווילען דאָס זעלבע:
מאָרדען, כאַפּען, רויבען.

וואָס איז דען דער חילוק,
יאַפּאַן צי איטאַליע?
אַלץ דיזעלבע גענגסטער:
ביידע איין קאַנאַליע.

בראָמשקעט דער פֿאַשיסט שוין
אַביסיניע ביינער,
שאַרפֿט שוין דער מיקאַדאָ
אויף סיביר די ציינער.

מאַכט ער שוין אַטאַקעס
אויף די גרענעץ־ערטער;
בליצען שוין די שפּייזען,
קלינגען שוין די שווערטער.

שטעהט די וועלט און קען נאָך
ניט דעם זין געפֿינען:
קלייבט זיך דער יאַפּאָנטשיק
נאָכטאָהן מוסאָליני׳ן?

דונערט עס אין דרום,
און אין צפֿון צאָרענט,
וועט די וועלט באַלד ברענען
פֿון הינטען און פֿון פֿאָרענט?

און אין סאַמע צענטער,
אין איירָאָפּאַ׳ס האַרצען,
זיצט דער שוואַרצער נאַצי,
מיט אַ טרוים אַ שוואַרצען.

ווי אין וואַלד אַ טיגער
שטעהט ער אָנגעצויגען,
מיט צעפּאַטעלטע לעפּצען,
מיט צופלאַמטע אויגען.

אַט־אָ קומט אַ קרבן,
אַט־אָ געהט ער שפּרינגען . . .
וועט ער זיך דערוועגען?
וועט עס איהם געלינגען?

און די ליג אָוו ניישאָנס
איז אַ שוואַכטשיג ליגעל.
ווי אַ קראַנקע קוואָקע
פּאַטשט זי מיט די פליגעל.

ס׳איז די אַלטע מעשה,
וועלכע איז אייך קענטליך:
ס׳האָט אַ הון אַ ווייסע
אויסגעוואַרעמט ענטליך . . .

זי, די הון, האָט מורא
פאַר אַ באָד אַ נאַסער,
אָבער איהרע קינדער
לויפען רק אין וואַסער.

שטעהט די אָרימע קוואָקע
אויפ׳ן ברעג אין אומעט,
און די ענטליך שווימען
אויפ׳ן טייך אַרומעט.

שרייט די הון און שאָקעלט
מיט איהר ברייטער טאַליע:
קומט צוריק, אָ, קינדער!
געהט ניט מיט דער כוואַליע!

אָבער איהרע ענטליך
לאַכען פון איהר קוואָקען—
און די הון, פאַר צרות,
זעצט זיך שטריקען זאָקען . . .

דאָס איז אויך די לאַגע
פון דער בידנער ליגע,
ווען פון אַלע זייטען
שמעקט עס מיט הריגה.

ס'איז אַ צער צו קוקען
אויף דער תרנגולת,
ווי זי רופט און וואָרענט
אויף די העכסטע קולות:

„קאַטשקעלאַך, ממזרים,
און דו, פאַשיסט־רשע,
קריכט ניט אין די כוואַליעס!
בלייבט אויף דער יבשה!

„אונטער מיינע פליגעל
איז דאָ פּלאַץ פאַר יעדערען,
קומט, וועל איך אייך ווארימען
אונטער מיינע פעדערען".

דאָך איהר רוף פאַרשווינדעט
מיט די שטורעם־ווינטען—
און באַלד ברענט די וועלט שוין
פון פאָרענט און פון הינטען.

—סעפּטעמבער 1935

אַנטיסעמיטען

אין ווילנע, אין ווארשע,
אין וויען, אין בערלין—
דיזעלביגע פּרשה,
דערזעלביגער זין:

מען האַוקעט אויף אידען,
מען גיסט אויף זיי סם:
ווייל „אידען“ מיט „פרידען“
איז שטענדיג אַ גראַם.

די בלוטיגע מענער
אין יעטוועדען לאַנד,
מיט בלוטיגע פּלענער
פון מאָרד און פון בראַנד—

זיי פיהלען דעם אידען
אין יעטוועדען גליד:
ווייל אייביג פון פרידען
עס חלומ׳ט דער איד.

ער שטערט זיי, דער באַנדע,
אין זייער געיעג,
ער מאַכט זיי צו שאַנדע,
ער שטעהט זיי אין וועג!

זיי רייסען זיך בלוטיג
ווי הינט פון דער קייט,
און ער רעדט צו זיין גלוטיג
ביבלישע רייד . . .

זיי ווילען צושטערען
דאָס פאָלק איבעראַל,
און ער פרעדיגט לעהרען
פון מארקס און לאַסאַל.

דערפאַר האַסט דער היטלער
אונז ערגער ווי אַלץ—
אַלס שלום־פאַרמיטלער
מיר שטעהען איהם אין האַלז.

און דאָס איז די שנאה
פון יעדען „ענדעק“,
אין יעדער מדינה,
וואו די וועלט האָט אַן עק...

דער צעבאַלעוועטער מוסאָליני

זיי קעכלען איהם און פעכלען איהם,
דעם שוואַרצע העמדעל־גיבור,
זיי גלעטען איהם און בעטען איהם:
אָ, בעט זיך מיט אונז איבער!

זיי שמעקען איהם און לעקען איהם,
ווי מאַמעס נערעוויסטע.
זיי לאַשטשען איהם און פליאַשטשען איהם:
„זאָג, זוהנדעלע, וואָס ווילסטו?"

זיי שווערען זיך מיט טרערען זיך:
„מיר ליבען איך, בעניטאָ!
אָ, מיין ניט, אַז מיר זיינען אין כעס
אויף דיר און אויף דיין סוויטע!

„אָ זאָג מיין גאָלד, וואָס האָסטו האָלד
פון אביסיניע'ס באָדען?
אָ, זאָג, מיין גליק, אָ, וועלכעס שטיק
געפעלט דיר פון דעם פלאָדען?

„די זיד? די נאָרד? אָ, רעד אַ וואָרט,
בן־יחיד'ל, בעניטעל!
דערצעהל, דערצעהל, צו וועלכען טייל
זיך ציהט דיין אַפעטיטעל?

„אָ, שרעק זיך ניט, פאַשיסט, באַנדיט,
מיר וועלען דיך ניט שטראָפען.
מיר שפילען בלויז אַ פאַלשע טויז,
דעם עולם אָפצובלאָפען!

„דו ווייסט דאָך שוין, ווי שטאַרק, מיין קרוין,
מיר ברויכען דיין פאַשיזם.
דיין שוואַרצע האַנד איז אונזער וואַנט
אַנטקעגען סאָציאַליזם.

„דו ביזט דער ריעז מיט שווערד און שפּיז,
וואָס היט דעם גביר'ס מיליאָנען,
און האַלט אין שפּאַן דעם אַרבייטסמאַן,
אַז ער זאָל גאָרניט מאָנען."

אַזוי־אָ רעדט און וויינט און בעט
די וועלט זיך ביים פּאַשיסטעל.
און ער בלייבט האַרט און איינגעשפּאַרט,
און שפּילט זיך מיט'ן פּיסטעל . . .

ער שרייט און שילט קאַפּריזנע ווילד,
און מיט דער שווערד ער פּאָכעט.
ער ווייסט: לאַוואַל און קאַפּיטאַל
וועלען שיצען זייער בן־יחיד.

—דעצעמבער 22, 1935

סאַנקציעס

זיי וועלען איהם שטרענג באַשטראָפען,
דעם בלוטיגען פאַשיסט.
נאָר אויב די וועלט וועט שלאָפען
וועט זיין איהר טרחה אומזיסט.

זיי וועלען איהם קירצען דאָס לעבען,
די פעלקער פון דער ליג.
נאָר אויב דער נאַצי וועט סקעבען,
בלייבט מוסאָליני ביים זיג.

די וועלט קען איהם ווייזען און צייגען,
ווי צו דופען אויף דער שווערד.
נאָר אויב אַמעריקע וועט שווייגען,
האָבען אַלע סטראַשונקעס קיין ווערט.

דער ענגלישער פּלאַט קען צובלאָזען
אויף שטויב מוסאָליני׳ס גליק,
נאָר ווער קען זיך, ברידער, פאַרלאָזען
אויף ענגלאַנד׳ס פּאָליטיק?

עס וואָלט ניט געווען וואָס צו זאָרגען,
ווען פראַנקרייך נעמט אויבעט אַ האַנד,
נאָר ווער קען דען וויסען וואָס מאָרגען
קען געשעהען אין פראַנצויזישען לאַנד?

עס האָבען זיך פופציג נאַציאָנען
פאַרפליכטעט צו אַ באָיקאָט,
נאָר אויב אַלע ווילען און קאָנען—
דאָס, ברידער, ווייסט נאָר איין גאָט.

און אפשר ווייסט נאָר איין טייפעל
וואָס ס׳קאָכט זיך דאָרט אין דעם טאָפּ?
מיין הארץ איז פול מיט צווייפעל
און ס׳דרעהט זיך א מילראָד אין קאָפּ.

עס ווילט זיך מיר גלויבען און האָפען,
אז די ליג וועט ציהען אין שלאַכט,
דעם פרעכען דעספאָט צו באשטראָפען,
און ברעכען זיין פינסטערע מאכט.

בארעכען איך אָבער, אָ, ברידער,
אז די ליג איז צוזאמענגעשטעלט
פון א באנדע פּאָליטישע שפּילער,
וואָס געמבלען מיט דער וועלט . . .

דאן ווער איך אינגאנצען נערעוויסטע,
און איך גיב א קריץ מיט די צייהן:
געוואלד, משיח, וואו ביזטו?
צום טייפעל, ווען קומסטו שוין?

—דעצעמבער 1, 1935

די נאַרישע פייער־לעשער

היטלער וויל אַ פייער מאַכען
און די וועלט פאַרברענען;
רויך און אַש פון אַלעס מאַכען—
אויב ער וועט נאָר קענען.
לויפט משוגע אַהער און אַהין,
און וואַרפט פונקען אין געזאַלין . . .
באַלד, אוי באַלד, עס גיט אַ קראַך!
עס פליהען וועגט, עס פליהט דער דאַך.
אַלץ ווערט חרוב, אוי, געוואַלד!
באַלד, אוי, באַלד . . .

טויזענט גוטע פייער־לעשערס
האָט די גרויסע וועלט,
אָבער יעדערער פון זיי איז
אַ כעלעמ׳ער העלד!
שטאָט צו כאַפּען דעם צודולטען
ביי די פיס און הענט,
און איהם מאַכען אומשעדליך,
נאָך איידער עס ברענט—
האַלטען זיי נאָר אָפּ אסיפות
פול מיט שווינדעל און מיט חניפות—
און דער ווילדער אונטערצינדער
לויפט אום ווייטער ווי אַ בלינדער
אַהער און אַהין
און וואַרפט פייער אין געזאַלין—
באַלד, באַלד,
אוי, געוואַלד! . . .

פייער־לעשער, פייער־לעשער,
מאַכט ניט פון זשענעוואַ אַ כעלם!
וואַרט ניט ביז דער נאַצי־מאַניאַק
וועט אייך אָפּטאָן ווי ווילהעלם!

רופט ניט מעהר קיין קאָנפערענצען
מיט אינטריגעס און דעבאַטען,
ווען דער מערדער רוקט שוין באָמבעס
אין די דייטשישע האַרמאַטען!

ראַטעוועט די וועלט פון פייער,
אַזוי לאַנג מ׳קען נאָך ראַטען.
פּאַקט דעם מאַניאַק פאַר׳ן גאָרגעל,
שטאַט איהם מוסר׳ן און בעטען.
כאַפּט איהם אָן ביי ביידע לאַפּעס,
רייסט ביי איהם אַרויס די מעטשעס!
וואַרף דעם פייער־בראַנד אין שטויב,
און צוטרעט עס, און צוקוועטש עס!

פייער־לעשער, פייער־לעשער,
זיצט ניט דאָרט און ווייזט חריפות!
לויפט צום פייער שנעלער, שנעלער,
האַלט ניט בעלעמער אסיפות!
איצט איז ניט די צייט פון ריידען,
איצטער איז די צייט צום האַנדלען,
אויב איהר ווילט ניט, אַז דער נאַצי
זאָל די וועלט אין אַש פאַרוואַנדלען!

—אפּריל 28, 1935

צווישען טאָג און נאַכט

איצט איז די צייט
צווישען טאָג און נאַכט.
מיר שטעהען אין צענטער
פון א בלוטיגער שלאַכט
צווישען טאָג און נאַכט,
צווישען רעכט און מאַכט.

אויף דער זייט א טרענטש,
אויף יענער זייט א טרענטש,
און צווישען—דער מענטש.

עס ראַנגלען זיך כוחות
אַהין און אַהער.
די נאַכט באַוואָפענט זיך
מיט געוועהר
אַלץ מעהר און מעהר;
און דעם טאָג ווערט שווער
צו האַלטען זיין טרענטש
און באַשיצען דעם מענטש.

עס געהט צו זומער,
נאָר די נאַכט ווערט לענגער.
די וועלט ווערט ברייטער,
נאָר דאָס לעבען ווערט ענגער.
דער זונ׳ס געזיכט
איז פאַרשטעלט מיט א כמאַרע,
און שווער איז דעם ליכט
זיך מאַכען א וואַרע.

מיר שטעהען און פיהרען
צווישען טאָג און נאַכט
דעם מענטשענ׳ס גרעסטע
און שווערסטע שלאַכט.

דאָס איז די לעצטע
ענטשיידענע שלאַכט
צווישען די כוחות
פון רעכט און מאַכט.

ווער וועט זיגען?
און ווער וועט פאַלען?
פרעגט די זון
און איהרע שטראַהלען.
פרעגט דעם פריהלינג
און פרעגט דאָס לעבען.
ז י י   וועלען אייך
דעם ענטפער געבען.

זון איז לעבען,
און לעבען איז זון.
וואָס איז דער פועל
יוצא דערפון?
ווער עס קעמפט
קעגען נאַכט און טויט,
דער האָט זיין וועלט
אויף לעבען געבויט.

דער זיג וועט קומען
אומגעריכט,
ווי עס קומט דורך וואָלקענס
די זון מיט איהר ליכט.
זיי וועלען זיך קיינמאָל
ניט אונטערגעבען,
די מעכטיגע כוחות
פון ליכט און לעבען.

שווער איז די צייט,
לאַנג איז דער שטרייט,
אָבער די זון איז
אויף אונזער זייט.

דעם טאָג אויסלעשען
וויל די שוואַרצע קראַפט,
עס איז אַ שרעקליכער בין השמשות.
אָבער דער טויט
האָט ניט קיין האַפט.
נאָר דאָס לעבען האָט אַ ממשות.
ווי עס איז פריהלינג
היינט, און מאַי,
אַזוי וועט די וועלט
נאָך ווערען פריי!

—מאַי, 1938

אַ באַלאַדע

אין דער שלאַכט געריטען
איז אַ שטאָלצער רייטער.
איבער בערג און טאָלען
אַלץ געריטען ווייטער.
שטאָלץ איז ער געריטען
אויף זיין שטאָלצען פערד,
אונטער זיינע פיס האָט
אַזש געברענט די ערד.

שנעל איז ער געפלויגען
איבער שטיינער, גריבער.
איז פאַרבייגעפלויגען
טויזענד פויערים־שטיבער.
און פון יעדען פויער'ס
הויף און שטאַל און הויז
זיינען צו דעם רייטער
אַלע הינט אַרויס.

און געבולען האָבען
אַלע הינט מיט צאָרן,
ווען דער שטאָלצער רייטער
איז פאַרבייגעפאָהרען.
רוהיג רייט דער רייטער,
רוהיג און געשווינד,
כאָטש אַרום איהם וואָיען
טויזענד בייזע הינט.

ווייטער רייט דער רייטער
מיט די מאָרגען־ווינטען,
דאָך די בייזע שייקע
לויפט איהם נאָך פון הינטען.

רעווען, קוויטשען, שפּרינגען
ביי זיין יעדער זייט.
ס'קענען הינט ניט ליידען
ווען אַ רייטער רייט.

שטעלט דער שטאָלצער רייטער
אויף אַ ווייל זיך אָפּ.
מיט אַ שמייכעל קוקט ער
צו די הינט אַראָפּ.
און—אָ, וואונדער! ווי נאָר
ס'שטעהט דער רייטער שטיל,
ווערען אַלע כּלבים
שטום און אָהן געביל.

אַלע הינט פאַרשטומען,
ווען דער רייטער שטעהט.
נאָר פון זייערע פּיסקעס
גרינע סלינע געהט.
לאַכט דער שטאָלצער רייטער
אויף די הינט אַרונטער,
און ער רייט זיך ווייטער
רוהיג, שטיל און מונטער.

„איצט פאַרשטעה איך אייך שוין,
הינטיש־בייזע וועכטער!"
גיט אַ זאָג דער רייטער
מיט אַ שטיל געלעכטער.
„אָ, איהר האסט פראגרעס
און לעבעדיגע רעגונג.
איהר האָט ליעב נאָר שטילשטאַנד,
אָבער ניט באַוועגונג."

„אָ, איצט קען איך אייך שוין!“
גיט אַ לאַך דער רייטער—
„האַוקעט, האַוקעט, כּלבים,
מיר—מיר רייטען ווייטער.
גראַד דאָס בילען אייערס—
לאַכט און זינגט דער רייטער—
איז דער בעסטער סימן,
אַז מיר רייטען ווייטער.“

די „זקני ציון"

אין בית המדרש הינטער'ן אויווען
זיינען געזעסען צעהן זקנים;
געלערענט משניות, געפּראוועט חצות,
און אונטערגעהוסט אינאיינעם.

צעהן זקנים דאַרע און אויסגעווייקטע,
אַזוי ווי אַן אַלטע תחינה,
זייער גאַנצער לעבען איז אַוועק
מיט קלאָגען אויף גלות השכינה.

זיי האָבען געלעבט פון יאָהרצייט־לעקאַך
און זיינען געשלאָפען אין פּאַליש.
פאַרשטעהט זיך, אַז יעדער פון זיי איז געווען
אַ שוואַכינקער מענשעל, אַ חלוש.

נאָר איינמאָל דערזעהט זיי אַן אַנטיסעמיט,
און ער קריגט אַ געדאַנק אין מוח,
צו מאַכען פון יענע צעהן אַלטע הויקערס
צעהן העלדען מיט געטליכען כוח!

און ער געהט און שרייבט פון די 10 בטלנים
אַ גאַנצען בוך „פּראָטאָקאָלען",
וואו יעדער פאַרטריקענטער זקן קוקט אויס
מורא'דיג גרויס און געשוואָלען.

עס ווערט פון די חצות־אידען אַ ריזיגע מאַכט,
וואָס הערשט איבער פעלקער און לענדער;
אַ וועלט־דיקטאַטאָר ווערט יעדער זקן,
וואָס שאָקעלט זיך דאָרטען ביים שטענדער.

זיי מאַכען מלחמות, זיי מאַכען שלום,
זיי בויען אַרמעען און פּלאַטעס.
בקיצור: 10 שטילע נאַפּאָלעאָנס שטעקען
אין יענע צעהן אַלטע קאַפּאָטעס . . .

זיי זיינען די קליגסטע פּאָליטישע קעפּ,
זיי קענען צעהן ביסמאַרקס פאַרפיהרען.
זיי ליגען כסדר אין אַ קעלער פון ציון
און האַלטען אין איין קאָנספּירירען . . .

אַזוי האָט אַמאָל אַ משוגע'נער רוס
אַ ווילדע לעגענדע געשפּונען.
פּלוצלונג קומט אַ שווייצאַריש געריכט—
און דער גאַנצער בלאָף ווערט צערונען!

ס'איז גוט אַזוי און ס'איז וואויל אַזוי,
וואָס דער בלבול איז שוין צו ענדע—
פון דעסטוועגען טוט מיר כמעט ווי לייד,
וואָס געפּלאַצט האָט יענע לעגענדע.

עס איז געווען אַזאַ זיסער שפּאַס
אין אונזער שיקזאַל דעם ביטערען,
וואָס צעהן אַלטע אידען האָבען געמאַכט
אַ וועלט מיט גויים צו ציטערען!

—דזישוי 2טען, 1935

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר

קלוגע מענשען זיינען מיר,
הונדערט שפּראַכען קענען מיר,
ביבעל־נעמען הייסען מיר,
שבע חכמות וויסען מיר—
נאָר וואָס העלפט עס?

דיקע ביכער שרייבען מיר,
געלט אויף צדקה קלייבען מיר,
וואו א מיטינג—גלאַנצען מיר,
וואו א חתונה—טאַנצען מיר—
ווהאָט'ס די יוז?

אין רחמנות גלויבען מיר,
און דעם שלום לויבען מיר,
נאָר אין טרענטשעס ליגען מיר,
קלעפּ פון יעדען קריגען מיר—
לוינט זיך עס?

וואו א טורמע—זיצען מיר,
וואו א שוויץ־באָד — שוויצען מיר,
וואו א הימעל—פליהען מיר,
וואו א גיהנום—בריהען מיר—
איז דאָס א לעבען?

וואו א שפּיץ־בארג—שטראַהלען מיר,
וואו אַן אָפּגרונד—פאַלען מיר,
וואו א גלות—געהען מיר,
וואו א ספּאָדיק—דרעהען מיר—
ווהאַט דהי העל!

וואו א שפּע—מאַכען מיר,
וואו א בירזשע—קראַכען מיר,
וואו א קונסט—באַזינגען מיר,
וואו א שונד—פארשלינגען מיר—
מיר האָבען אייזערנע מאָגענס!

יעדע תורה קייען מיר,
גוטס און שלעכטס—פארדייען מיר.
צו פאראייניגונג שטרעבען מיר,
און צעשפליטערט לעבען מיר—
איז דאס א תכלית?

וואס מיר זיינען, זיינען מיר,
אבער אידען זיינען מיר.
רעוואלוציעס מאכען מיר,
פון יסורים לאכען מיר
מיט יאשטעשקעס.

זיבען לעבענס האבען מיר,
יעדען פיינד באגראבען מיר,
דריי מאל טעגליך זיגען מיר,
דאך אין דער ערד טיעף ליגען מיר—
וואט קען יו מאך?

—דזשון 23טען, 1935

פרעגט דער איד אַ קשיא

(צו זינגען מיט דער באַקאַנטער מעלאָדיע)

זאָל איך זיין אַ פרומער,
רייסט מען פאַר דער באָרד מיך;
זאָל איך זיין אַ פרייער,
רופט מען וואָס אין קאָרט מיך—
און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
קיין שום באָדען זעהט זיך,
הענג איך אויף אַ האָר
צווישען טרוים און וואָהר.

זאָל איך זיין אַ צדיק
טרעט מען מיט די פיס מיך,
זאָל איך זיין אַ רשע,
טראָגט מען אויפן שפּיז מיך—
און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און דער שונא פרעהט זיך,
הענג איך אויף דער וואָג
צווישען נאַכט און טאָג.

זאָל איך פּראָטעסטירען,
הערט מען מיט פאַרדרוס מיך;
זאָל איך שווייגענד ליידען,
האַלט מען פאַר אַ טרוס מיך—
און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און קיין רחמים זעהט זיך,
שטעה איך אָהן געוועהר
צווישען לייב און בער.

זאָל איך זיין דער פיהרער,
האָב איך בלויז גריזאָטע;
זאָל איך זיין די מאַסע,
פיהרט מען מיך אין בלאָטע—

און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און קיין אויסוועג זעהט זיך,
דרעה איך זיך אַרום
צווישען קלוג און דום.

זאָל איך ריידען אידיש,
שלאָגט דער העברעאיסט מיך;
זאָל איך ריידען גויאיש,
פּלאָגט דער אידישיסט מיך—
און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און די שנאה שפּרייט זיך,
שטעה איך און איך קלער:
וואָס בין איך? און ווער?

זאָל איך זיין אַן עושר,
ווער איך גרויס אין די אויגען;
זאָל איך זיין אַ קבצן,
וויל מיך יעדער זויגען—
און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און קיין ענדע זעהט זיך,
ליג איך אין געוועב
צווישען שטאַרב און לעב.

בין איך קאַפּיטאַליסטיש,
פּלאָגט מיך מיין געוויסען;
בין איך סאָציאַליסטיש,
וויל מיך סטאַלין שיסען—
און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און דער היטלער פרעהט זיך,
רייט איך אויף אַ שווערד
צווישען הימעל און ערד.

פרעג איך יעדען איינעם:
אפשר קענט איהר זאָגען,
וואָס וועט זיין דער תכלית
פון מיין אייביג יאָגען?

און דאָס רעדעל דרעהט זיך,
און קיין ענדע זעהט זיך
(ווייל—ישראל נצח . . .)
זיץ איך אויף א שטיין
און לאך פון זיך אליין.

—מארטש 3טען, 1935

פון קריסמעס ביז ניי־יאָהר

ווי גוט און ווי שעהן,
ווי נאָבעל און ריין
די וועלט איז פון קריסטמעס
ביז ניי־יאָהר געווען!
מיט ליבע צום פריינד
מיט יושר צום פיינד,
מיט „פיעס אָן אוירטה
ענד גודוויל טו מען" . . .

די וועלט דענקט קלאָר
נאָר איין וואָך אין יאָהר:
פון קריסמעס ביז ניי־יאָהר—
און דאָס איז גאָר!
דער בלוטיגסטער קריסט
ווערט א פאסיפיסט
פון קריסמעס ביז ניי־יאָהר—
און ווייטער קיין האָר!

די אנדערע וואָכען:
געשאָסען, געשטאָכען,
געהאסט און געהעצט,
געדריקט און געשטיקט.
נאָר איין וואָך אין יאָהר
דער קריסט ווערט קלאָר!
דער אייביגער וואריאַט
איז מעהר ניט פארריקט!

דער הייליגער גייסט
אויף איהם זיך באווייזט,
דער גייסט פון שלום,
אויף ליבע געבויט.
זיין הארץ ווערט ברייט,
זיין האנד איז גרייט
צו העלפען, צו לינדערען
די מענשליכע נויט.

נִיט צוואנג, ניט מאכט,
ניט לוסט צו שלאכט
באהערשט די קריסטען
אין יענער וואָך.
דער מיליטאריסט
ווערט פּלוצלונג אַ קריסט
און דערפיהלט דעם גרויסען
אַלמענשליכען בראָך.

און גאָר אַ ניי ליד
קלינגט אין זיין געמיט,
אַ „מערי קריסטמעס“
צו נאָהענט און ווייט!
און דער שטאָלצער גביר,
פול מיט שנאפּס און ביער
טאנצט אַ „העפּי ניו יער“
אין גאס מיט אָרימע לייט.

און יאָהר־איין, יאָהר אויס,
ווי די וועלט איז גרויס,
זעהר איהר ליבע, שלום—
אויפ׳ן וואָהר!
אָבער—אוי און אָך!—
מעהר ניט ווי איין וואָך,
נאָר איין קליינע, קנאפּע
וואָך אין יאָהר!

איין וואָך—ניט גענוג . . .
איין וואָך—ס'איז באַטרוג!
איין וואָך ליבע האָט ניט
קיין שום ווערטה!
איין וואָך דענקען קלאָר
און דאָס גאַנצע יאָהר
פּאָכען ווילד משוגע
מיט דער שווערד . . .

איין וואָך זיין גערעכט,
און אַ גאַנץ יאָהר שלעכט,
דאָס איז ניט קיין פּלאַן,
מיין גוטער קריסט!
איין וואָך מיינט ניט פיעל,
ס'איז אַ פאַלשע שפיעל,
און דיין גאַנצע טרחה
איז אומזיסט.

דאָס גאַנצע יאָהר—געמיין,
איין וואָך ריין און שעהן,
דערפון וועט די גאולה
ניט קומען אויף דער וועלט.
אַ גאַנץ יאָהר שלאָגען אידען,
און איין וואָך פרעדיגען פרידען,
ניט דאָס האָט מיט אייך קריסטוס
אזוי לאַנג געקנעלט.

אוי, הערט מיך קריסטען, הערט!
איהר מוזט עס טאָהן פאַרקערט,
כדי צו ווערען קריסטען
אויפ'ן וואָהר:
קלייבט אוים די קריסטמעס צייט
צו האסען גאָט און לייט,
און לעבט אין פרידען דאַן
דאָס גאַנצע יאָהר!

—יאַנואַר 9טען, 1938

אונזערע פּראָטעסטען

מיר שרייען, ברידער,
נאָר די וועלט איז טויב.
ווייל די וועלט חלומ'ט ווידער
פון מאָרד און רויב.
פאַרשטיינערט ווערט יעדעס
מענשליך געפיהל,
דורך היטלער'ס רעדעס
און מוסאָליני ס שפּיעל.

דער קאָפּ איז געבליבען
א ליידיגער שאַרבען.
ניטאָ מעהר קיין ליבען,
נאָר ליידען און שטאַרבען.
עס האָט דיקטאַטור
ברוין, רויט ווי שוואַרץ,
דערשטיקט די נאַטור
און פאַרדאָרבען דאָס האַרץ.

דער גאָט פון דער שווערד
איז ווידער אויפ'ן פערד,
און א שטורם פון בלוט-לוסט
ברויזט איבער דער ערד.
דער גייסט פון נקמה
געהט אום אויף דער וועלט;
ער וויל דיין נשמה,
דיין גוף און דיין געלט.

מיר שיקען קוויטירונגען
פון אונזערע הריגות
צו אַלע רעגירונגען
און אַלע ליגעס.
מיר קלאַפּען אין די טירען
פון אַלע מעכטיגע,
סאַי די היינטיגע
און סאַי די נעכטיגע.

מיר שיקען פּראָטעסטען
פון גרויסע אַסיפות,
מיר ווענדען אָן דזשעסטען
און אַלערליי תּקיפות.
מיר שפּאַלטען די מויערען
פון אַלע מיניסטאָרען,
מיר רייסען זייערע אויערען,
מיר קירצען זייערע יאָהרען.

נאָר הערען הערט קיינער
פון די אַלערליי גדולים,
און דער אייביגער וויינער
בלייבט שטעהען ווי אַ גולם.
וואָס האָט אונזער טרויערען
ביי זיי פּאַר אַ זין,
אַז אַלע זייערע אויערען
ליגען איצט אין בערלין?

מיר וויינען ווי קינדער—
זיי הערען אונז קוים.
זייער קאָפּ איז אַצינדער
אין מאָסקווע, אין רוים,
אין יאַפּאַן, אין כינע,
אין יעטווידען לאַנד,
וואו עס פלאַקערט די שנאה,
דער מאָרד און דער בראַנד.

עס כאַפּט אָן אַ ציטער
צו דענקען, מיין פריינט,
ווי שוידערליך־ביטער
דעם שוואַכען איז היינט.
אַז דו האָסט ניט קיין ביקס
און קיין בינטעל האַרמאַטען,
דאַן ביסטו אַ ניקס,
און מ׳לאַכט פון דיין טאַטען.

ווי לאנג וועט געדויערען
דאָס דאָזיגע שפּיעל,
ווען טויט און פאַרפרויען
איז יעדעס געפיהל?
ווי לאנג וועט געדויערען
דער וויסטער קאָשמאַר,
ווען מ׳האָט ניט קיין אויערען
פאַר מענשליכען צער?

אַ דריי־פּיער באַנדיטען
(אוי, שרעקליכער נס!)
האָבען איבערגעשניטען
דעם גאַנג פון פּראָגרעס.
אַ הינטישע שאַיקע
זאָל די מענשהייט רעגירען!
עס קלינגט ווי אַ באַיקע,
עס פּלאַצט דאָס געהירען . . .

—אוגוסט 25טען, 1935

דער וועג צוריק

מיר זיינען פֿאַרפֿאָהרען צו ווייט
אין אונזער געשריי און געקלאָג.
עס האָט שוין ניט מעהר קיין באַדייט
דאָס וואָרט, וואָס מיר גיבען אַ זאָג.

עס הערט זיך די וועלט מעהר ניט צו
צו אונזער פּראָטעסט און געוויין.
זי ענטפֿערט אונז: „לאָזט מיך צורוה!
איך האָב גענוג צרות אַליין . . .“

מען הערט אונז שוין גאָרניט כמעט.
די מענשליכע שטים איז צו־שוואַך.
די באָמבע, די ביקס, דער האַרמאַט,
רעדט העכער פֿון אונזער שפּראַך.

צו וואָס־זשע, איך בעט אייך, אומזיסט
זיך רייסען דעם האַלז און דאָס מויל?
די וועלט האָט קיין צייט ניט—זי שיסט!
זי הערט נאָר דעם פֿייף פֿון דער קויל.

זי שיסט און זי קראַכט און זי ברומט,
אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ.
און פֿון יעטווידען שאָס זי באַקומט
אַליין אַ לאָך אין קאָפּ . . .

און אַזאַ מין צעשאָסענער מוח,
באַטויבט פֿון זיין אייגענעם קראַך,
ווי קען ער דערהערען דעם הויך
פֿון אונזער פֿאַר׳חלש׳טער שפּראַך?

„איז וואָס־זשע, פּאָעט, איז דיין ראַט?
זאָג, וואָס דאַרף מען טאָהן, פילאָזאָף?
זיצען אין מויל פון הארמאַט
און ווארטען פארשטומט אויפ'ן סוף?"

אַן עצה דאָ געבען איז שווער,
איך ווייס: אונזער כוח איז שוואַך,
און אַז אונזער איינציג געוועהר
איז אונזער געשליפענע שפּראַך.

אָבער, איך מיין, איהר פארשטעהט . . .
איך גלויב, אַז מיר קענען ניט היינט
זיך איינגאַנצען פארלאָזען אויף רייד,
ווען טויב איז דער פריינט און דער פיינד...

די וועלט אַרום אונז איז פארשטעלט.
מיר דארפען איצט ריידען, איך מיין,
פיעל וויינינגער צו דער וועלט,
און מעהרער צו זיך אַליין . . .

מיר דארפען מיט אונזערע רייד
דערהויבען אונזער אייגענעם שטאַנד,
און רייסען פון זיך דאָס קלייד
פון געפאַלענקייט און שאַנד.

מיר דארפען מיט אונזער פּראָטעסט
געגען זיך אַליין שטורעמען דרייסט,
אַז ווידער זאָל ווערען פעסט
אונזער וואַקעלדיג־מידער גייסט.

אָט דאָס איז מיין עצה . . . איך מיין,
אָ, אידען פון אונזער צייט,
אַז מיר זיינען פון זיך אַליין
אוועק צו־ווייט, צו־ווייט . . .

—יאַנואַר 2טען, 1935

ווער זיינען די שוואַכע?

זיי לאַכען פון אונז
מיט א חוזק א ביטערען.
און וועהרענד זיי לאַכען—
אוי, ווי זיי ציטערען!

זיי זיינען די שטאַרקע,
מיר זיינען די שוואַכע.
נאָר, אוי, ווי זיי ציטערען
פאַר אונזער ראַכע!

אין דער צייט וואָס זיי רופען אונז
„שמוציגע שרץ“,
האָבען זיי פאַר אונז
גוואַלדיג דרך ארץ.

אין דער צייט ווען זיי קוקען
אויף אונז ווי אויף ווערים,
קעהרט זיך אין זיי איבער,
פאַר שרעק, די געדערים.

אזוי איז דאָס שטענדיג
געווען און געבליבען.
אין אַלע היסטאָריעס
שטעהט עס געשריבען.

דער „שוואַכינקער איד“
מיט די טרוקענע קנאָכען,
האָט די שטאַרקסטע גויים
באַזיגט און צובראָכען.

אזוי האָט פאַסירט
אין יעדען יאהרהונדערט—
און דער ריזיגער חם
שטעהט געפּלעפּט און פארוואונדערט.

ער קוקט אויף דעם „אידליק"
מיט שפּאָט און נקמה,
נאָר שטילערהייד פּאַלט איהם
אַרויס די נשמה.

ער פיהלט אינסטינקטיוו
אין זיין טעמפּען געהירען,
אַז אין קריג מיט'ן איד
וועט ער מוזען פאַרלירען.

און מעג ער זיך גורטען
מיט זיין גאַנצער גבורה—
איז המן'ס מפּלה
די אונטערשטע שורה.

ווייל אַזוי איז געווען
און אַזוי וועט עס בלייבען.
און יעדער אַנטיסעמיט
מעג זיך דאָס פאַרשרייבען.

און צי דאָס איז היטלער,
צי דאָס איז עמלק—
דער איד וועט מיט אַלעמען
לערנען בלק.

זיי וועלען זיך דערוויסען
ווער עס איז שוואַכער:
דער „שוואַכינקער איד",
צי דער שטאַרקער דבר אחר.

זיי וויסען עס שוין היינט!
איהר זעהט ווי זיי זידען?
איהר הערט ווי זיי שימפּפען
און זידלען דעם אידען?

איהר זעהט ווי זיי מאָרדעווען
זיך אין היסטעריקע,
פון פוילען און דייטשלאַנד,
אַזש ביז קיין אַמעריקע?

דאָס ציטערען זיי
פאַר זייער אייגענער שקורע—
ווייל ס'זעהט שוין דער חם
פאַר די אויגען זיין קבורה.

עס האָט זיך איהם פאַרגלוסט,
דעם עשיו, דעם יוון,
צו טאָהן זיך אַ „שפּיעל"
מיט דעם עם חכם ונבון . . .

און וועהרענד ער „שפּילט" זיך
מיט אונזער לעבען און כבוד—
דער גרויסער גלית
מיט דעם קליינינקען דוד . . .

און וועהרענד ער לאַכט
אין זיין ווילדען שגעון,
פון אונזער וועהטאָג
און פון אונזער בזיון —

פיהלט ער אַליין,
אַז זיין שפּיעל איז פאַרן טייפעל,
און זיין פרעכער בטחון
ווערט פול מיט צווייפעל.

ער „שפּילט" און ער פיהלט,
און ער מוז עס פיהלען,
אַז סוף־כל־סוף
וועט ער פאַרשפּילען.

און כדי צו פארטויבען
זיין אייגענע מורא,
לאכט ער נאָך פרעכער
געגען איד, גאָט און תורה.

אָבער עס העלפט ניט
קיין פלאן, קיין סכעמע.
עס וואקסט זיין שרעק
פאר דער „אידישער פּראָבלעמע".

וויפיעל ער זאָל אונז
ניט שלאָגען און פלאָגען—
די „אידישע פראגע"
ליגט איהם אין מאָגען.

די „אידישע פראגע"
ליגט איהם אין די ביינער,
און ס'ווארפט איהם אין קדחת,
און ס'קלאפען איהם די ציינער.

און ס'ציטערען די היטלערס
פאר דער אידישער ראכע—
זיי, די שטארקע,
און מיר, די שוואכע.

—פעברואר 13טען, 1938

חלשות טראָפּענם

קריזיס־לידער

פרילינג ליד פון אַן אַרבייטסלאָזען

דער ווינטער איז שוין באַלד אַוועק,
דער פריהלינג קומט, דער ליבער.
דער קריזיס אָבער מיט זיין „סלעק"
איז אַלץ נאָך ניט אַריבער.
דעצעמבער, יאַנואַר, פעברואַר, מאַרטש,
איך בין שוין באַלד אַ זיידע—
און ס'איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין „באַרטש",
קיין אַרבייט און קיין „פעידע".

עס פינטלען שוין די אייגעלעך
פון יונגע, גרינע גרעזלעך;
עס טרילען שוין די פייגעלעך,
עס שפּרינגען שוין די העזלעך.
וואָס טויג עס אָבער, אַז איהר קענט
פון גראָז אַליין נישט לעבען,
און פאַר אַ פויגעל־טריל קיין סענט
וועט אייך די וועלט נישט געבען?

די מאַנקי טאַנצט אין „זו" ווי דול,
זי דאַרף ביי קיינעם באָרגען.
דער לייב איז זאַט, דער בער איז פול—
פאַר זיי טוט שטאָדט שוין זאָרגען.
נאָר איך, דער „הערשער" איבער'ן לאַנד,
דער סיטיזען; דער וואָוטער,
איך שמאַכט, איך פּלאַץ, איך ביים די האַנד,
און מ'הערט מיך ווי דעם קאָטער.

ראַטעוועט

די וועלט איז פול מיט שלעק,
מיט הונגער און מיט „סלעק“,
דער קריזיס טוט אונז קאַטעוועז.
נאָר ערגער איז נאָך, פעטער,
וואָס די וועלט איז פול מיט „רעטער“,
וואָס ווילען רק אונז ראַטעווען.

די וועלט איז פול מיט מענער,
וואָס האָבען „רעטונגס־פּלענער“
פאַר אונזער שווערער נויט.
די באָסעס און די בענקערס,
און אפילו פּאָליסלייט און הענקערס
ווילען רעטען אונז פון טויט . . .

מען וואַרפט אונז פון די דירות,
מען שניידט ביי אונז די שכירות,
מען גיט אונז לאַנגע „וואַקאַציעס“.
און שרייט איהר: „אוי, ס׳געהט בלוט!“
דאַן ענטפערען זיי: ס׳איז גוט,
ס׳איז „רעטונגס־אָפּעראַציעס“ .

מען „רעטעט“ אונז כסדר,
פון עסען און פון קליידער,
פון העמדער און פון שיך.
מיר קענען, ליבער פּאַניע,
פון אזא מין „ראַטעוואַניע“,
געהאָלפּען ווערען גיך . . .
איך טו איצט איין זאַך בעטען:
אוי, העלפּט און טוט אונז רעטען
פון אונזערע „רעטער“, וועה!
אַז ניט ווע‏לען די „לאַיף סעיווער“
אונז טרייבען יונג אין קבר—
ניט דערלעבען זאָלען זיי!

—סעפּטעמבער 1931

מאָדנע!

ווייל די וועלט האָט צופיעל ווייץ,
הערש פון הונגער א פארפלייץ.
ווייל די וועלט האָט צופיעל קאָרן,
מוז זי „עפלען", בעטלען, שנאָרען.
ווייל די וועלט האָט צופיעל שפייז,
בולקעס, בעבלאָך, גיס און רייז,
לעבען מענשען פון תעניתים,
און זיי קוקען אויס ווי מתים.

אין דער מיט פון א געדעטעניש,
אזא קלאָגעניש און בעטעניש,
און צוטראַמפּלעניש, צעטרעטעניש!
וואָס־זשע איז דאָס פאר א רעטעניש?

זיץ איך און איך רייב דעם שטערען,
און איך פרוף די זאך ערקלערען:
דארען מוז די וועלט און קווארען,
ווייל זי איז א וועלט מיט נארען.
אונזער מענשליכע סאָסייעטי,
באשטייט, יו נאָו, פון פאָלגענדע „לייטע":
דריי טויץ רויבער און דעספּאָטען,
און דאָס איבעריגע—אידיאָטען.

ווער מאַכט דעם יקרות?

(לויט אַ באַקאַנטען ענגלישען קינדער־ליעד)

ווער מאַכט דעם יקרות
אויף פלייש און אויף סטעיק?
„ניט איך", זאָגט דער אָקס,
ווען איהר גיט איהם אַ פרעג.
„איך גיב אייך מיט פלעזשור
מיין פלייצע, מיין ברוסט;
מיין לייב און מיין לעבען
איך גיב אייך אומזיסט.
„ניט איך", מאַכט דער אָקס,
ווען איהר גיט איהם אַ פרעג,
„ניט איך מאַך דעם יקרות
אויף ריפּס און אויף סטעיק".

ווער מאַכט דעם יקרות
אויף פוטער און מילך?
„ניט איך!" שרייט די קוה,
מיט אַ ברוגז'ן הילך.
„איך לאָז זיך דאָך מעלקען
פון קליין און פון גרויס,
און איך אַליין טרינק דאָך
מיין מילך ניט אויס.
„ניט איך!" מאַכט די קוה
מיט אַ ברוגז'ן הילך,
„ניט איך מאַך דעם יקרות
אויף פוטער און מילך!"

ווער מאַכט דעם יקרות
אויף אייער? יאָ, ווער?
„ניט איך", גיט אַ קוואָקע
די הוהן מיט אַ טרער.
„איך לעג מיר אַ יעדען טאָג
פונקטליך אַן איי,

איך קריג ניט אַפילו
קיין פּעני פאַר זיי!
„ניט איך“, גיט די הוהן
מיט די פליגעל אַ פּאָך,
„ניט איך מאַך דעם יקרות,
ניט איך מאַך דעם בראָך!“

ווער מאַכט דעם יקרות
אויף ברויט אין דער וועלט?
„ניט מיר!“ רוישען העפטיג
די זאנגען אין פעלד.
„מיר זיינען באַלאָדען
מיט נאַרהאַפטע ברויט,
צוליעב אונז דאַרף קיינער
ניט ליידען קיין נויט.
„ניט מיר!“ רוישט דער קאָרן,
דער ווייץ און די רייז,
„ניט מיר זיינען שולדיג
אין יקרות אויף שפּייז!“

ווער מאַכט דעם יקרות
אויף וואָלענעם שטאָף?
„ניט מיר!“ מעקען שמערצליך
דער שעפּס און די שאָף.
„מיר לאָזען זיך שערען
ביז׳ן נאַקעטען לייב,
ס׳זאָל זיין גענוג קליידער
פאַר מאַן, קינד און ווייב.
„ניט מיר!“ פּראָטעסטירען
די שאָף אויפ׳ן קול,
„ניט מיר זיינען שולדיג
אין יקרות אויף וואָל!“

ווער מאַכט דעם יקרות
אויף טרונק און אויף עס?
אויף וואַסער, אויף פייער
אויף ליכט און אויף גאַז?
אויף טרייהייט און פרייהייט
אין שריפט און אין רייד?
אויף פריינדשאַפט און ליבע,
אויף גליק און אויף פרייד?

„ניט איך!" וויינט דער הימעל,
ניט איך!" קלאָגט די ערד.
„ניט מיר זיינען שולדיג,
וואָס אַלץ ווערט צושטערט.
אַ הייפעלע מענשען
מיט געלד און מיט מאַכט,
אָט זיי זיינען שולדיג,
וואָס די וועלט שקלאַפט און שמאַכט.
„ניט איך!" וויינט דער הימעל,
„ניט איך!" קלאָגט די ערד,
„ניט מיר זיינען שולדיג,
וואָס אַלץ ווערט צעשטערט."

—פעברואַר 24טען, 1935

דער יקרות

פלייש איז טייער—אָבער פיש
קען מען נאָך באַקומען.
נאָר צו קענען קויפען פיש
ברויכט מען אויך מזומן!
און ביי וועלכען אָרימאַן
איז מזומן געלט פאַראַן?
איז טאַקע שלעכט!

פיש איז טייער—נאָר אַ הערינג
קריגט מען נאָך ביים גראָסער.
קענט איהר עמיצען וואָס גיט
אָהן געלט אַ הערינג?—נאָ סער!
און קיין געלד איהר האָט דאָך ניט,
וואָס־זשע טהוט אַן אָרימער איד?
איז טאַקע שלעכט!

מילא, קויפט מען ניט קיין פלייש,
און קיין פיש, קיין הערינג.
אָבער מילכיגס איז דאָך אויך
גאַנץ געזונד און נעהריג.
אמת, מילכיגס איז אַ שפּייז,
אָבער ווער קען צאָהלען דעם פּרייז?
איז טאַקע שלעכט!

הייסט עס, פלייש און פיש און מילך
ז'ניט פאַר אונז קיין מאכל.
אפשר אַ טאָמייטאָ באָרשט?
אַ פּאָטעיטאָ־יאַיכעל?
געהט שוין געהט! און גרינצייג, פריינט,
קאָסט דען ניט בראַנד־טייער היינט?
איז טאַקע שלעכט!

לאָזען מיר שוין אין אַ זייט
פלייש און פיש און אייער,
און אויך בעבלאַך, בולקעס, קרויט
איז פאַר אונז צו־טייער.
אָבער ברויט איז דאָך פאַראַן?
ניין! אוי, ניט פאַר'ן אָרימאַן.
איז טאַקע שלעכט!

בקיצור, מיינע ליבע פריינט,
פאַר'ן אָרימאַן איז היינט
קיין זאַך ניט געגעבען.
עסענוואַרג איז טייער בראַנד
אין דעם רייכסטען תבואה־לאַנד—
איז טאַקע שלעכט!

מילך און האָניג אָהן אַ שיעור,
כאָטש אין ים צו גיסען.
אָבער נאָר דער באָס, דער גביר,
קען דערפון געניסען.
און פאַר דעם, וואָס טראָגט דעם יאָך,
בלייבט פון בייגעל בלויז דער לאָך—
איז טאַקע שלעכט!

—מאַרטש 17טען, 1935

די „60 פאַמיליעס“

די זעכציג פאַמיליעס, וואָס הערשען אין לאַנד,
איהר קענט זייער טשעק רוהיג קעשען.
זיי ווייסען נאָך ניט, כאָטש זיי שרייען גוואַלד,
פון דער נייער—ווי רופט מען עס?—„ריסעשאָן“.

די זעכציג פאַמיליעס, וואָס האָבען דאָס געלט,
זיי האָבען ניט וואָס צו קאָמפּלעינען.
נאָר גראַד אָט־די 60, זיי קעהרען אַ וועלט,
און יאָמערען, און קרעכצען און וויינען.

דער קבצן איז שטיל, כאָטש ער האָט ניט קיין דזשאָב
און געלט האָט ער אויך ניט אין קאַסע.
ער הונגערט און שווייגט און וואַרט אויף אַ נס,
צוזאַמען מיט דער הונגעריגער מאַסע.

דער קבצן, ער דענקט זיך: עס איז טאַקע שלעכט,
און רוזוועלט העלפט אונז בלויז קרעכצען,
נאָר די, וואָס האָבען באמת דעם קריזיס געבראַכט,
זיינען יענע פאַמיליעס, די זעכציג.

אַזוי דענקט דער קבצן, און וואַרט אויף אַ נס.
ער האָפט, אַז דער פּרעזידענט וועט ענדליך
זיך ווידער אַ נעם טאָהן צום גאָלדענעם קאַלב,
און אויסמעלקען גאָלדענע רענדלעך.

דער קבצן, ער שווייגט, און ער וואַרט, און ער האָפט.
נאָר יענע, די זעכציג משפּחות,
זיי שרייען, זיי רעווען, ווי הונגעריגע וועלף,
זיי וואַרפען זיך ווי אין קדחות.

זיי האָבען דאָס לאַנד און זיי האָבען דאָס געלט,
זיי האָבען די בענק און פאַבריקען.
פונדעסטוועגען שרייען זיי: „ראַטעוועט, העלפט!
דער פּרעזידענט וויל אונז דערשטיקען!“

זיי וויינען, זיי קלאָגען, אַז ביזנעס איז „סלאָו“,
מען קויפט ניט קיין שטאָל און קיין אייזען;
די רעילראָודס ווערען איינפאַך בדיל־הדל,
זיי מוזען רעכענען העכערע פּרייזען . . .

און טידל־דע־דאַמדאַם, און טידל־דעראַם!
עס שפּילען די פּויקען און טאַנצען.
בייטאָג און ביינאַכט מ׳פרעסט און מ׳זויפט
און מ׳טאַנצט אין די רייכע פּאַלאַצען.

מ׳פרעסט און מ׳זויפט און מ׳טאַנצט און מ׳לאַכט—
און מ׳וויינט, אַז מ׳מאַכט ניט קיין לעבען . . .
די זעכציג משפּחות—אַ רחמנות אויף זיי . . .
מ׳דאַרף אַ נדבה זיי געבען.

דער נייער דעפּרעשאָן האָט זיי פּשוט רואינירט,
עס פעהלט דעם מר. געלד־זאַק אין פּאַקעט.
זיין פרוי נעבעך האָט ניט קיין העמד אויפ׳ן לייב—
מוז טאַנצען אין באָל־רום האַלב־נאַקעט.

די 60 פאַמיליעס — זיי לאַכען זיך אויס
פון רוזוועלט און איקעס און דזשעקסאָן!
זיי טעקסען אונז אַלעמען, פונ׳ם זאַלץ ביז׳ן שמאַלץ,
נאָר זיי אַליין טאָר מען ניט טעקסען!

—יאַנואַר 16טען, 1938

פריהלינג אין פּאַרק

אין אַ שעהנעם מאַי־טאָג
זיץ איך מיר אין פּארק,
און איך וויל זיך פרעהען
ווייל מיין פרייד איז שטאַרק.
בוימער, גראָזען, בלומען,
לופט—ווי זיסער ווייז,
יונג־פּאָרליבטע פּאָרלאַך—
וואָס קען שעהנער זיין?

זיצען אָבער טרויעריג
אויף די בענק אַרום
אַרבייטסלאָזע מענשען,
שלעפעריג און שטום.
זיצען ווי פאַר'חלש'ט
אין דעם פריהלינג'ס־גליק,
מיט די קעפּ פאַרוואָרפען,
יאוש אין דעם בליק.

קומט צופליהן אַ פויגעל,
זינגט אַ האָפנונגס־ליד,
נאָר די מענשען זיצען
האָפנונגסלאָז און מיד.
ווער עס זיצט און גענעצט,
ווער עס זיצט און קלערט,
ווער עס זיצט געבויגען
מיט'ן קאָפּ צו דר'ערד.

אין דעם פּאַרק די שעהנקייט
בלענדעט מיט איהר ליכט.
פאַרפיומירטע ווינטלעך
גלעטען דאָס געזיכט.
פון די לאָנקעס טראָגט זיך
וואונדער־גרינער גלאַנץ,
און די בלעטער רוישען
ווי אַ ליד צום טאַנץ.

גאָט'ס וועלט איז אַ וואונדער!
דענקט איהר זיך און טראַכט.
אַלצדינג איז צו לעבען
און צו פרייד געמאַכט.
הימעל, זון און שטערען,
פעלד און וואַלד און טייך—
אוי, ווי שעהן די וועלט איז,
און ווי גרויס און רייך!

וואָס־זשע, זאָגט מיר, זיצען
דאָרטען אויף די בענק,
אַך, אַזוי פיעל מענשען,
בלייך, ווי נאָך אַ קרענק?
אַך, אַזוי פיעל מענשען
איינגעהילט אין לייד—
און אַרום זיי רוישט
אַ ים פון לעבענס פרייד!

ווער האָט זיי פאַרשטויסען?
וואָס איז זייער זינד?
שטאָלצע אָטאָמאָבילען
פליהען דורך געשווינד.
ווייניג, ווייניג מענשען
טראַכטען זיך אַריין
אין דעם סוד פון לעבען,
אין דעם צוועק פון זיין.

ברויט איז דאָ פאַר אַלע,
פונקט ווי לופט אין גראָז.
ווער האָט אויסגעטראַכט
קנעכט אין באַלעבאָס?
גליק איז דאָ פאַר אַלע
פונקט ווי לופט און ברויט.
ווער האָט אויסגעטראַכט
אָרימקייט און נויט?

—מאַי 26טען, 1935

וואָס דער טאָג ברענגט

מיין קאַפּיטאַל

מיין קאַפּיטאַל
ליגט אין מיינע לידער.
איין שורה קלינגט ווי זילבער,
אַן אַנדערע—ווי גאָלד.
די מערסטע—
ווי קופּער און בלעך,
קליינגעלד!

אַ סך קליינגעלד פאַרמאָג איך:
פּרוטות, גראָשענס, דרייערס.
גרויסע האָפענונגען,
גאָלדענע אידעען,
בריליאַנטענע פאַנטאַזיעס
האָב איך אויף זיי אויסגעביטען.
איצט טראָג איך זיך אַרום
מיט פולע קעשענעס קליינגעלד,
אָרימע מטבעות,
וואָס קלימפּערען און קלאַפּען
ווי פּאַיאַצישע גלעקלאַך,
אָדער ווי נדבות
אין אַ „צדקה תציל ממות" פּושקע.

נאָר ווען ניט ווען
כאַפּט זיך אַרויס אַ שורה,
וואָס קנאַקט מיט עשירות,
ווי אַ טויזענד דאָלער אַסיגנאַציע;
אַ וואָרט, אַ טאָן,
וואָס קלינגט העל ווי אַ גאָלדען רענדעל.
אַ געדאַנק,
וואָס בליצט ווי אַ בריליאַנט—
אָבער זעלטען,
אַז זיי זעהען זיך אַרויס.

זיי ליגען באַגראָבען
אין דער גרויסער קופּע קליינגעלד,
וועלכע פאַרדעקט זיי
מיט איהרע פּרוטות און גראָשענס,
און פאַרהילכט זיי מיט'ן בראַזג
פון איהר קופּער און בלעך.

מענש, פאַרגעם ניט צו לאַכן

לוסטיג זיין, פרעהליך זיין,
מונטער און הייטער!
מיט אביסעל הומאָר
קומט איהר אַלעמאָל ווייטער.

שיקט אייער אומעט
צו די נאַראָנים!
זאָל ער זיי מאַכען
קנייטשען אין פנים.

זאָל ער זיי עסען,
זאָל ער זיי זויגען,
זאָל ער זיי מאַכען
„קישעלעך" ביי די אויגען!

מיר ווילען לאַכען,
ווי שטיפער עכטע,
פון אַלע זאַכען,
גוטע און שלעכטע.

ווי לאַנג מיר לעבען
מוזען מיר האָפען,
ווידער קען טרעפען,
וואָס ס'האָט געטראָפען.

גריבעלט זיך ניט
אין דער צוקונפט'ס פראָבלעמען!
נעמט פון דער געגענוואַרט
וואָס איהר קענט נעהמען.

זוכט ניט קיין פּירושים,
מאַכט ניט קיין רשי'ם,
צייט וועט פאַרענטפערען
אַלע אייערע קשיות!

אָבער דער עיקר
פון אַלערליי זאַכען:
מענשעלעך, מענשען,
פאַרגעסט ניט צו לאַכען!

מיט אַ געמיט,
וואָס איז ליכטיג און מונטער,
שווימט מען אַריבער,
און מ'געהט ניט אונטער.

די צייט

זי וואוינט אין יעדער רגע,
די ליבע, שטילע צייט,
און ווי אַ גוטע שוועסטער
זי שטעהט ביי אונזער זייט.

זי פרעגט ניט: עלטער, איינגער,
זי פרעגט ניט: אָרעם, רייך—
זי שענקט איהר הילף צו יעדען,
ביי איהר איז יעדער גלייך.

זי האָט פאַר יעדען וועהטאָג
אַ שפּרוך, וואָס מאַכט געזונד,
זי האָט אַ היילונג־מיטעל
פאַר יעדער טיפער וואונד.

איהר באַלזאַם האָט אַ נאָמען,
עס הייסט: פאַרגעסענהייט.
זי היילט מיט דעם אונז אַלעמען,
די גוטע נוירס, די צייט.

און ווען עס קומט צום שטאַרבען,
דאַן קושט זי אונז, די צייט,
און טראָגט אונז מיט אַ שמייכעל
אַוועק, אַוועק, גאָר וויית . . .

קליינע פאַבלען

דער צדיק

„איך פיהר זיך מאָראַליש,
און ריין איז מיין לייב,
מיך קען ניט פארפיהרען
קיין זינדיגע ווייב.

„איך זיץ ניט מיט מיידלעך
ביז שפעט אין דער נאַכט,
מיך קענט איהר שוין טרעפען
אין בעט אַרום אַכט.

„איך האַס לינקע ליבעס!
אַ שאַנד און אַ פלוך
אויף אַלע הולטאַיעס!“—
האָט געזאָגט דער יעוונוך . . .

דער ניכטערער

„איך בין אַ גרויסער האַסער
פון שאַרפען געטראַנק,
איך טרינק נאָר ריינע וואַסער,
גאָט זיי דאַנק!

„איך טרינק ניט קיין „ליקער“,
ניט ביטער, ניט זיס,
כ'בין קיינמאָל ניט שיכור,
איך פאַל ניט פון די פיס.

„איך בין ניט קיין „נאַסער“,
ביי מיר אויפ'ן טיש
געפינט איהר נאָר וואַסער“—
באַריהמט זיך דער פיש . . .

דער לאָיאַלער

„זייט צופרידען,
קריסטען, אידען,
מיט דעם ביסעל,
וואָס איהר האָט.
פאַר יעדער זאַך,
אַביסעל צי אַ סך,
דאַנקט אייער גאָט.

„זייט לאָיאַל
צו אייער באַלעבאָס
און פרעגט ניט:
פאַר ווען און פאַרוואָס?

„שלאָגט ער אייך,
פלאַגט ער אייך,
זייט געטריי
סאַי ווי סאַי,
ווייל לאָיאַליטעט
איז זעהר געזונט“—
האָט געזאָגט דער הונט.

קלייזלעך

אַן אָדלער פליהט
הויך, הויך,
מיט מעכטיגען שוואונג
און ריזיגען כוח.

ער פליהט אַליין,
פון קיינעם געשטערט,
און בליקט אַרונטער
שאַרף צו דער ערד.

און דאָרט אויף אַ בוים,
אין אַן ענגען רוים,
באַמערקט דער אָדלער

א חברה אַפּען,
וואָס האַלטען אין איין
„ווירקען און שאַפען".

זיי טוליען זיך,
און קוליען זיך
אַלע צוזאַמען.
זיי קושען זיך, זיי בייסען זיך,
זיי ליבען זיך, זיי רייסען זיך,
סאַי הערען, סאַי דאַמען.

זיי קריכען זיך איינער
דעם צווייטען אויפ׳ן קאָפּ,
דער קריכט אַרויף
און דער קריכט אַראָפּ.

„העי מאַלפּעס", מאַכט דער אָדלער
און קוקט אויף זיי משופּע,
„וואָס לעבט איהר כסדר
צוזאַמען אין א קופּע?

„פאַרוואָס קענט איהר ניט לעבען
אַליין און פאַר זיך,
יעדער באַזונדער,
מיט זיין אייגענעם „איך"?

„מיר מוזען זיין צוזאַמען,
ענטפערט איינער פון די אַפּען,
מיר דאַרפען אינאיינעם
ווירקען און שאַפען."

„און וואָס איז אייער שאַפען?"
פרעגט דער אָדלער די אַפּען.

„מיר מוזען זיין אינאיינעם",
ענטפערט איינער פון זיי,
ווייל איינער ביים אַנדערען
דאַרף זוכען פליי . . ."

אונזער צײַט

זינגער,
שפּרינגער,
קאָפּ־פּאַרקלינגער
גיבן אונזער צײַט דעם טאָן.
קורצע האָר און קורצער שכל,
פאַלשע ציין און פאַלשער שמייכעל,
א געלאָף צום שקר־היכל
און א קנעכטשאַפט צום שאַבלאָן.

לעקער,
וועקער,
מינטען־קלעקער
פאַדיען־אום מיט ווינט אין קאָפּ.
אָפּגעשמיסענע גענעראַלען,
אָפּגעריבענע מעדאַלען,
אויסגעשפּילטע ראַדיקאַלען—
שפּרינגען נישט און שרייען „האָפּ"!

קרומע,
פרומע,
קנעכט פון טומאה
ברומען שטאַרק אויף גאַס און מאַרק.
וואו א לויזעל, וואו א וואַנצעל,
האַלט עס דרשות פון דער קאַנצעל
און עס זוכט זיך רק א שאַנצעל
צו פאַריאָכען אונזער קאַרק.

גוידער,
פוידער,
פּלאַפּעל, פּלוידער,
פּיסקעל־דריי און אויגען־וואונק!

פייגענבלעטלאך־טואלעטען,
גראָבע רייד און ציגארעטען,
און איהר קאָנט זיי אלע גלעטען
פאר א פרעס און פאר א טרונק.

מוטנע,
סמוטנע,
קאלעמוטנע
איז די צייט אָן זאלץ און שמאלץ.
שווערע אויסגעבייכטע מענער,
ווייבער—פּאָליטורטע שפּענער,
און עס קרעכצט דער מענשען־קענער:
כאפּט דער טייוועל אלץ מיט אלץ!

1926—

אַ לעבעל

אַ לעבעל האָט קיין שום ממשות.
ס'איז ליידיג, ס'איז גאָרנישט—און דאָך,
איך ווינש ניט מיין ערגסטען שונא,
צו קריגען אין קאָפּ אַ לאָך.

וואָס איז אַ לעבעל? אַ פּוסטקייט.
אַ נאַטהינג, אַ הלל, אַ ניקס.
פון דעסטוועגען, אָהן דעם לעבעל
וואָלט די ביקס ניט געווען קיין ביקס.

זי וואָלט ניט געשאָסען קיין מענשען,
ניט אָנגעמאַכט קיין גרויל,
ווען די ביקס זאָל ניט האָבען דאָס לעבעל,
דורך וועלכען מען פייערט די קויל.

דאָס לעבען איז פול מיט לעכער,
און יעדער לאָך איז אַ בראָך.
אין שטוב וואָלט געווען טרוקען,
ווען אין דאַך זאָל ניט זיין קיין לאָך.

אַ לאָך אין אַן אַרבעל איז ביטער,
איהר קענט זיך ניט ווייזען אין גאַס.
אַ לאָך אין די שיך איז נאָך ערגער,
די פּיסעלעך ווערען אייך נאַס.

אָבער נאָך טויזענט מאָל ערגער
איז דאָס לאָך אין דעם סאַקסאָפאָן,
וואָס צעשמעטערט אונזערע אויערען
מיט זיין שוידערליך-גרילצענדען טאָן.

דאָס לאָך פון'ם בייגעל איז שרעקליך,
פון איהם ווערט איהר קיינמאָל ניט זאַט.
אָבער אַ שעהן ביסעל ערגער
איז דאָס לאָך אין דעם האַרמאַט.

באטראַכט נאָר, אַ ברידער, דאָס לעבען,
סאַי שבת און סאַי אין דער וואָך!
פון טויזענטער שעהנע זאַכען,
איז בלויז געבליבען אַ לאָך.

ווי אַ צעפּרעסענער מלבוש
קוקט אוים די היינטיגע וועלט.
מ׳קען זי שוין מעהר ניט פאַרלאַטען,
אפילו שוין ניט—מיט געלט.

צעלעכערט די פרייהייט און גלייכהייט,
צעווערימט אַ האַלבע קולטור.
פון הומאַניטעט און פּאָרטשריט
איז באַלד שוין ניטאָ קיין שפור.

די צייט איז געהילט אין שוואַרצען,
אונז שרעקט יעדע קומענדע וואָך.
מיר קריגען אַ לאָך אין הארצען—
און דאָס איז דאָס ערגסטע לאָך . . .

אַלטע פאָטאָגראַפיעס

איך האַלט אין האַנט אַ בוך מיט בילדער,
אַ „אַלבום“ רופט מען אַזאַ בוך.
איך קוק אין בוך, און טויזענט פראַגן
עס טוען פון מיין מויל אַ פליוך:

איז אָט דער שעהנער יונגערמאַנטשיק,
דאָס טאַקע איך, און איך אַליין?
אַזאַ קאָפּ האָר האָב איך געהאַט, ווען?
און אָט אַזעלכע שטאַרקע ציינער?

אַזאַ פול פּנים, קלאָר און גלאַטיג?
אַזעלכע אויגען, בלוי און גרוי?
אַזעלכע וואָנצעלעך מיט שפּיצען,
און חן־גריבלעך ווי ביי אַ פרוי?

עס קען דאָך איינפאַך ניט געמאָלט זיין,
אַז דאָס בין איך געווען אַמאָל!
אַזעלכע גלייכע, שטאַרקע פּלייצעס?
אַזאַ קאַרק, ווי געמאַכט פון שטאָל?

אַזאַ מיין שמייכעל, דרייסט און ליכטיג,
האָב איך געטראָגען אין מיין בליק?
אַזאַ מיין שטערען, אָהן אַ קנייטשעל,
האָב איך פאַרמאָגט מיט יאָהרען קריק?

און ווער איז דאָס? אַהאַ! מיין מומע,
דאָס ווייב פון רייכען פעטער שמערל!
ווי שטאָלץ זי טראָגט דעם הויכען בוזעם
מיט די זעקס דיקע שנירלעך פּערל!

און אָט—מיין באָבע! זי איז טויט שוין
פיער צעהנדליג יאָהר, און אפשר מעהר,
אַ שעהנע פרוי! און פול מיט גוטסקייט,
נאָר אויף די פיס אביסעל שווער.

צוויי הונדערט דרייסיג פונט געוואויגען,
דעריבער זיצט זי אַזוי ברייט.
עס רוישט פון איהר, ווי זיידענע כוואַליעס,
דאָס ברייטע קרינאָלינען־קלייד.

און יענע בילד דאָרט—ס׳איז מיין שוועסטער,
ווי אַ פּרינצעסין שטאָלץ און שלאַנק!
(איצט שרייבט זי מיר: זי האָט פינף קינדער,
ניטאָ קיין ברויט, דער מאַן איז קראַנק).

און אָט איז בענדעט, מיין קאָלעגע,
אי שעהן, אי קלוג, אַ יונג אַ פּראַכט!
אַ גאַנצער לאָיער שוין געוועזען—
געפאַלען אין פראַנץ יאָזעף׳ס שלאַכט.

און דאָס איז וואָלף, מיין רבי׳ס זוהנדעל,
אַ דומער קאָפּ, מיט שמאַטעס פול!
(איצט, הער איך, איז ער אין שיקאַגאָ
דער פּרעזידענט פון אַ רייכער שוהל).

און אָט אַזוי־אָ, איינס נאָך איינעם,
עס שוועבט פאַרביי אַן אַלטער דור.
און איך—איך קוק, און ס׳גלויבט זיך מיר ניט,
אַז דאָס איז ווען געוועזען וואָהר.

דער אונטערשיעד

„וואָס איז דען דער אונטערשיעד
פון מענטש ביז חיה?“ פרעגט מיין ליד.
און ס'ענטפערט מיט א וויין און לאַך:
דער אונטערשיעד איז נאָר די שפּראַך.

מענש איז אין זיין קערפּער־בוי
ווי די חיה; פּונקט אזוי.
נאָר דעם מענש'ס צונג רעדט מיט אימפּעט,
און דער חיה'ס—ליגט אין קימפּעט.

נאָר אויך חיות צווישען זיך
„ריידען“ זיך צוזאַמען גיך.
אָהן א טראָפּ און אָהן א וואָרט
זיי פאַרשטעהען זיך זאָפאָרט.

זיי פאַרשטעהען זיך אין פאַקט,
בעסער ווי דער „מענש מיט טאַקט“
אויפריכטיג איז זייער קוש,
כאָטש ס'איז ליבע אָהן א דרוש.

מיט א קרעה פון הארץ ארויס,
דריקט דער האָהן זיין ליבע אויס.
און א יעדע הוהן פאַרשטעהט
זיינע ווערטערלאָזע רייד.

מיט א ברום און מיט א שמעק
רויבט דער לייב דאָס הארץ אוועק
ביי דער לייביכע אין וואַלד;
זי פאַרשטעהט, און גלויבט איהם באַלד.

אָהן אַ לאַנגען, מוסר־ספּיטש,
מיט אַ קורצען שטומען קוויטש,
קאָנטראָלירט די קוואָקע גרינדליך
איהרע ענדעלעך און הינדלעך.

יאָ, די חיות האָבען אויך
אַ סאָרט „לשון" אין געברויך.
זייער „שפּראַך" איז שטום און שווערלעך,
אָבער אויפריכטיג און עהרליך.

קורץ, דער אמת דאַרף קיין צונג,
מען פאַרשטעהט איהם אויפ'ן וואונק.
נאָר דער מענש, דער גאָט פון בלאָף,
רעדט און דרשנ'ט אָהן אַ סוף.

איבערבייט

זעהט נאָר, ווי ס'האָט זיך
מיין לאַנדסמאַן געביטען!
ער זיצט אויבענאָן,
צווישען גדולים אין מיטען,
און הערט נאָר ווי ער רעדט
אויף דעם באַנקעט!
און אין דער היים
האָט ער געקנאָטען ליים
און געמאַכט ציגעל
פאַר'ן גביר
משה ריגעל!

אוי, קוקט איהם נאָר אָן
דעם נדבן געצעל האָהן!
פון אַ ציגעל־קנעטער—
אַ אידענטום־רעטער!

גאָלדענע אַמעריקע,
דו ביזט אַלרייט!
אפילו געצעל האָהן
איז געוואָרען אַ לייט.
ניט אומזיסט ווערט ער
געשמייכעלט, באַוואונדערט—
איך גיב אַ דרייערל
און ער גיט הונדערט!

איך פאַרגין דיר, געצעל האָהן,
דיין אויבען־אָן.
אז דו האָסט געלט,
איז דיינע די וועלט.

נאָר טו מיר אַ טובה:
אַז דו זיצסט ביים טיש,
קריך ניט אַריין
מיט די הענט אין די פיש.
און בראָמשטשע ניט אַזוי
מיט די ציין—ס'איז אַ שאַנד!
און וויש זיך ניט, פּליעז,
דעם נאָז מיט דער האַנט,
און גרעבץ ניט דער דאַמע
אין פּנים — ס'איז ניט שעהן!
און קאַלופּע זיך ניט
מיט'ן גאָפּעל די צייהן.

געצעל האָהן, געצעל האָהן,
דו ביזט אָלרייט,
אָבער דו ביזט
נאָך אַלץ ניט קיין לייט.

אַנאַנסען

די אַנאַנסען אין דער צייטונג
לעז איך איצטער מיט פאַרגעניגען,
ס'איז דער לייכסטער שטאָף צום לעזען,
און ס'איז טאַקע ניט קיין ליגען.

אַן אַנאַנסע רעדט פון זאַכען,
וועלכע האָבען אַ ממשות,
ניט קיין סברות און טעאָריעס,
פשט'לעך, מיינונגען און דרשות!

ליבע דאַמען, ליבע הערען,
לעזט נאָר פלייסיג די אַנאַנסען!
דאַרפט איהר ניט אַ זאַלב צום שטערען,
צי אַ שמירעכץ צו די וואָנסען?

דאַרפט איהר הויזען, דאַרפט איהר פוטער,
דאַרפט איהר ניפּעלס פאַר דער בייבי?
דאַרפט איהר זאָקען, דאַרפט איהר נעקטאַיס,
אַ קדושין־רינגעל, מעי־בי?

דאַרפט איהר קאָרסעטס, שטעק־שיך, טוטפּעיסט,
ליפּסטיקס, פאָליש, אָדער פּוידער?
אפשר דאַרפט איהר אַ מאַשינקע
צו באַפרייען אייך פון גוידער?

דאַרפט איהר הערינג, סעמען, פּיקעלס,
פלוימען, מערען, אַפּעלסינען?
דאַרפט איהר סאַמעט, זיידענס, וואולענס?
אפשר לייווענט? אפשר לינען?

פרידזשערייטאָרס, וואַש־מאַשינען,
העמאַקס, פּיאַנאָס, וואַלגעל־העלצער?
פליגען־כאַפּערס, קאַקראַטש־פּוידער,
ריצין־אויל, צי סאָדאַ־סעלצער?

אָט די אַלע גוטע זאַכען
זיינען ווירקליכקייטען, פאַקטען!
דאָס איז ניט קיין פּוסטע זאָגעכץ,
ניט קיין תורות און אַבסטראַקטען.

יאָ, איך לעז היינט מיט פאַרגעניגען
די אַנאָנסען אין דער צייטונג.
וואָס איהר קענט מיט'ן האַנד אָנטאַפּען,
דאָס נאָר האָט נאָך אַ באַדייטונג.

אָבער „ריכטונגען", טעאָריעס,
פראַגען, „אישום", און פּראָבלעמען,
וואָס איהר זעהט ניט מיט די אויגען
און איהר קענט אין האַנט ניט נעהמען —

ווער קען וויסען היינטיגע צייטען,
וואָס איז פאַלש און וואָס ריכטיג?
נאָר אַנאָנסען ווייזען אייך נאָך,
וואָס איז איבריג, וואָס איז וויכטיג . . .

—1938

הימעל און ערד

הימעל און ערד

עפּענט אויף אַ קינד די אויגען
אין דער וועלט צום ערשטען מאָל,
און מיט מילך און זון געזויגען,
זינגט עס אויף זיין אייגען קול:

„הימעל, שענק מיר דיינע שטראַהלען!
וואַרעם אָן מיין האַרץ מיט ליכט,
און מיט שעהנע אידעאַלען,
און מיט יושר, רעכט און פליכט.

„שטערען, קוקט אויף מיר מיט כישוף!
הויב מיך אויף מיט אייער כוח,
מאַכט פאַר מיין געדאַנק אַ ישוב
צווישען וואָלקענס אין דער הויך.

„און אויך דו, לבנה, אויבען,
שיין אַריין אין מיין געמיט!
און פון ליבע, פריינדשאַפט, גלויבען,
זינג מיר יעדע נאַכט דיין ליעד.

„רעגענס, געהט דורך מיינע גלידער!
גיסט מיך אָן מיט זאַפט ווי וויין.
ווינטען, שטורעמט אויף און נידער!
לערענט מיך דעם סוד פון פיין.

„שנעען, ווייסע זעגעל־שיפען!
טראָגט מיך אויף אַ טרוים פון פוך,
איבער שוואַרצע אָפּגרונט־טיפען,
ווייט פון ערדישען גערוך.

„אָבער דו, אָ, ערד, געטרייע!
לאָז מיך ניט אין גאַנצען אָפּ.
מיין פאַנטאַזיע, די פרייע,
ציה זי אָפּט צו זיך אַראָפּ.

„כאַפּ מיך אָן ביי ביידע פליגעל
און פאַרשלעפּ מיך אין דיין הויז,
האַלט מיך הינטער שלאָס און ריגעל
און פאַרוויג מיך אין דיין שויס.

„זאָל, אָ, ערד, דיין שווערקייט האַלטען
מיינע פיס צו דיר געשמידט,
ווען מיין בענקשאַפט׳ס טרוים־געשטאַלטען
ציהען, רייסען מיין געמיט.

„ערד און הימעל, עלטערן מיינע!
גיט מיר דאָס, וואָס איך בין ווערט,
דאַן וועט גאָר די וועלט זיין מיינע,
סאַי דער הימעל, סאַי די ערד“.

וואָס ס׳בלייבט

(מאַטיוו גע׳לקח׳נט)

מיר געהען אוועק
אין יעדען סאָרט וועטער.
ווען קומט דער עק?
באַלד אָדער שפּעטער?
שפּעטער אָדער באַלד?

מיר געהען אוועק,
און בלייבען וועט דער וואַלד,
און בלייבען וועט דער טייך,
אייביג, גלייך, אייביג גלייך;
און די ערד און דער בוים,
און דעם מענשענ׳ס טרוים,
און דעם הימעל׳ס שיין—
וועלען זיין.

מיר געהען אוועק,
ווער ווייסט ווי באַלד?
דאָס ליד פאַרקלינגט,
וואָס האָט ערשט געשאַלט.
וואָס געטאָהן און געטראַכט,
געוויינט און געלאַכט—
פאַרזינקט אין נאַכט.

מיר געהען אוועק
ווער ווייסט וואו אהין?
נאָר בלייבען וועט
דאָס וואַקסען און בליהען
פון יעטווידען מין.
די ערד און דער ים,

דער דעמב און דער שטאַם,
און דעם מענשענ׳ס וואָרט,
און דעם דיכטער׳ס גראַם,
און דעם לייב׳ס געברום,
און דער פליג׳ס זשום־זשום,
און די אייביגע קייט
פון ליבע און לייד—
קיינמאָל פאַרגעהט.

מיר געהען אַוועק—
עס בלייבט די נאַטור.
און אויך פון אונז
וועט בלייבען אַ שפור.
מיר דאַרפען נאָר לעבען
מיט אימפעט און גליה,
אַזוי ווי זי,
אַזוי ווי זי!

זיכער ווי דער פעלז
און טיעף ווי דער ים,
גוט ווי אַ טויב
און הייס ווי אַ פלאַם.
שטראָמיג ווי דער טייך
און פעסט ווי דער בוים;
די וואָרצלען אין דער ערד
און דער קאָפּ פריי אין רוים—
אָט דאָס איז דער וועג,
דורך פלאָנטער און פיין,
צו פאַרבינדען די טעג
מיט׳ן אייביגען זיין.

אונזערע קינדער

קליינע בעיבים אויפ'ן דיל
קריכען, לויפען אהן א ציעל.
גראבע פיסלעך, פיצלעך שיך,
שטומע צינגלעך פלאפלען גיך.
א געוויין און א געזאנג,
ווי אין וואלד דער פייגעל־קלאנג—
נאר דאס דויערט ניט צו־לאנג.

עלטער ווערט די קליינוואַרג באלד,
און עס רוישט נאך מעהר דער וואלד.
קינדער וואקסען, און מיט זיי
וואקסט דער טומעל און געשריי.
טאנץ ארויף און טאנץ אראפ,
מאמען טוט אזש וועה דער קאפ.
„גיב א ניקעל! גיב א סענט!“
פאפא גיט מיט ביידע הענט,
און ער כאפט זיך פאר'ן קאפ:
אוי, ממזרים, לאזט שוין אפ!

ווייטער לויפט די צייט געשווינד,
און אין סקול שוין געהט דאס קינד.
נייע צרות, נייע פרייד,
דעם א מאנטעל, דעם א קלייד,
קויף זיי שליטענס פאר'ן שנעע,
קויף זיי בייסיקעלס, אוי, וועה!
און די „האום וואירק“ מאך מיט זיי.
ס גאנצע הויז איז מיט זיי פול,
מאמא געהט ארום ווי דול,
און אז פאפא קומט אין הויז,
לויפט ער באלד צוריק ארויס.
„ס'איז א גיהנום, ניט קיין היים“,
ערגערט ער זיך אין געהיים.

אָבער ווייטער פליהט די צייט,
קינדער ווערען יונגעלייט.
נייע צרות, נייע פרייד,
מיידלעך האָבען שוין א „דעיט“,
באָיעס לויפען צו א „געים“,
זיינען זעלטען אין דער היים.
עלטערן לעבען רק אין שרעק:
„וואו זיינען זיי שוין ווידער אוועק?“
היט זיי, שיט זיי זאַלץ אויפ׳ן עק . . .

אָבער ווייטער לויפט די צייט
קינדער זיינען שוין ווייט—ווייט!
האָבען חתונה, און שוין!
לאָזען טאַטע־מאַמע אליין.
שטיל און רוהיג איז אין הויז—
נאָר די בענקעניש איז גרויס.
מאַמא זיפצט און פּאַפּאַ קרעכצט,
און עס גאַרט דאָס הארץ און לעכצט
נאָך די צרות און די שרעק,
וועלכע זיינען שוין אוועק . . .

רייכטימער

ווי גוט איז יענעם וואָס איז רייך!
זיין לעבען פליסט זיך ווי א טייך.
דורך אַלע צרות, קרענק און שלעק
ער שלאָגט זיך דורך און קומט צום ברעג.

דו האָסט א טעות, ליבע וועלט,
איך מיין ניט רייכטימער פון געלט.
ס'האָט קיינער נאָך מיט געלד אַליין
געקויפט דאָס גליק זיך, וואָס איך מיין.

איך מיין דאָס גליק וואָס שטראַלט מיט גלאַנץ
פון יעדען מענשען, וואָס איז גאַנץ.
איך מיין דעם מענשען, וועלכער שאַפט,
און טוט זיין פליכט מיט מוט און קראַפט.

א פרעהליך הארץ, א קלאָרער גייסט,
וואָס קוקט דער וועלט אין פנים דרייסט;
ער זעהט זיין וועג, און געהט איהם גלייך—
אויב איהר פאַרמאָגט דאָס, זענט איהר רייך.

די וועלט אַליין איז שטויב און ערד,
אין עצם האָט זי קיין שום ווערט.
זי איז ניט גוט און איז ניט שלעכט;
ניט אומגערעכט און ניט גערעכט.

די וועלט באַקומט ערשט א געשטאַלט,
ווען אונזער ליכט-שטראַל אויף איהר פאַלט.
די וועלט איז ליכטיג אָדער שוואַרץ,
אָט פונקט ווי ס'איז ביי אונז אין האַרץ.

מיר זיינען שפיגלען, ליבע פריינט,
פאַר אַלץ, וואָס טרעפט זיך און ערשיינט.
און ווי דער שפיגעל רעפלעקטירט,
אַזוי קוקט אוים דאָס, וואָס פאַסירט.

אַ קלאָרער שפּיגעל שטראַהלט צוריק
אַ וועלט מיט שעהנקייט און מיט גליק.
אַ טריבער שפּיגעל וואַרפט אַ שיין
פון מרה־שחורה אויף אונזער זיין.

אַז וואויל איז דעם, וואָס זיין געדאַנק
איז ווי אַ שפּיגעל קלאָר און בלאַנק,
און ס׳גאַנצע לעבען, באַרג און טאָל,
לויכט אין זיין זעל ווי אַ קרישטאָל!

אָט דער איז גליקליך, דער איז רייך!
פאַר איהם איז יעדע קרומקייט גלייך.
ער געהט זיך פעסט און דרייסט זיין וועג,
און קומט־צו זינגענדיג צום ברעג.

דאָס טייכעל אין וואַלד

צווישען ביימער אין וואַלד
איז אַרויס פון אַ שפּאַלט
אַ קליין טייכעלע, דין ווי אַ שלאַנג.
און עס לויפט אַזוי יונג
מיט אַ פּליושטש און אַ שפּרונג,
באַגלייט פון די פייגעל׳ס געזאַנג.

און די בלימעלעך זעהען
דאָס טייכעלע געהען
אַוועק און אַוועק פונ׳ם וואַלד,
און זיי בעטען איהם שעהן:
„אָ, טייכעל, בלייב שטעהען,
אַנטלויף ניט צו־ווייט פון דיין שפּאַלט!

„אין וואַלד ביזטו קליין,
דאָך פריש, יונג און ריין,
באַשיצט געגען היץ און געגען קעלט.
דאָך שלעכט וועט דיר זיין,
אַז דו וועסט אַריין
אין דער ברייטער און אָפענער וועלט!“

דאָס טייכעל פאַרשטעהט
די בלימעלעך׳ס רייד,
דאָך ווייטער און ווייטער עס שפּרינגט.
עס קושט יעדע בלום
און נעמט זי אַרום
און גלייך לויפט עס ווייטער און זינגט:

„אוי, ליכטיגע וועלט
איך ל ווערען א העלד,
צו־ענג איז דער וואלד מיט זיין סבך.
אוי, לאָזט מיך ארויס
וואו איך קען ווערען גרויס
און שאפען און אויפטאָהן א סך!

„איך וויל ווערען א טייך
און וואסערען רייך,
איך וויל קענען טרייבען א מיהל!
איך וויל זיך באהעפטען
מיט אנדערע קרעפטען
און זוכען אין לעבען א ציעל.

„איך וויל אויף מיין וועג
דערזעהען ביי מיין ברעג
ווי עס וואקסען אויס דערפער און שטעדט.
אנשטאט שלאָפען אין וועלדער
וויל איך לויפען דורך פעלדער
און שאפען דאָרט שפע און זעט!

„אוי, לאָזט מיך ארויס
פון דעם וואלד־גרינעם הויז
וואו איך קריך ווי א שלאנג אויפ׳ן גרונט!
איך וויל ברייט זיין און טיעף
צו טראָגען א שיף—
איהר בלימעלעך, בלייבט מיר געזונט!“

און דאָס טייכעלע שמאָל
דורך בארג און דורך טאָל
עס לויפט און עס שווימט אָהן א צאָם,
ביז דאָס טייכעל וואקסט אויס
און ווערט מעכטיג און גרויס,
און באהעפט זיך צום סוף מיט׳ן ים . . .

די אַלטע מיהל
(נאָכמאַכונג)

אַן אַלטע מיהל
ביים וואַסער שטעהט,
זי שטעהט שוין דאָרט
אַן אייביגקייט,
און מאָלט און מאָלט.
זי שטעהט שוין טויזענט
יאָהר אַזוי.
עס קומט אַ איד,
עס קומט אַ גוי,
און מאָהלט און צאָהלט.

דאָס וואַסער רוישט
דורך פעלד און סאָד,
און אין דער מיהל
ווערט אָפט אַ ראָד
צעבראָכען, אַלט.
און אויך אַ מענשליך
הארץ ווערט אָפט,
אָט ערשט געגליהט,
געקלאַפּט, געהאָפט—
צעבראָכען, קאַלט.

אַן אַלטער מילנער
שטעהט און יאָגט:
היי, שקלאַפען, גיכער!
שלעפּט און טראָגט!
ער גיט זיי ניט
קיין רוה.
אַ וואַנדערער קומט
און בעט אַ טרונק,

א מיידעל שמייכעלט
מיט אַ וואונק—
באַלד איז מען
דו אויף דו.

עס מאָלט די מיהל,
עס רוישט דער טייך,
מיט ברויט און בלומען
די וועלט איז רייך,
און אויך מיט דערנער פיעל.
דער אַלטער טרייבט,
דער יונגער שאַפט,
מ'טרינקט, מ'קושט,
מ'ווערט פאַרשלאַפט—
און ווייטער מאָלט די מיהל.

אַך, וויפיעל זעק
מיט ווייץ און קאָרן,
אַך, וויפיעל פרייד
און לייד און צאָרן,
די מיהל האָט שוין צעמאָהלען!
אזוי פיעל טעג
אזוי פיעל נעכט—
צעמאָהלען!
אזוי פיעל הארען,
אזוי פיעל קנעכט—
צעמאָלען!
אזוי פיעל הארץ,
אזוי פיעל ברוסט,
מיט שטורם, ליבע,
האַס און גלוסט—
צעמאָלען!

עס מאָהלט די מיהל
מאָג־אוים, טאָג־איין,
אזוי—געווען,
אזוי וועט זיין,
די מיהל ווערט קיינמאָל מיד.
ניט עס זיך אויף,
נשמה מיין!
און אויב דו קענסט
א דיכטער זיין,
טאָ, מאַך דערפון א ליד.

איהר אַנטוישונג

הינדע שרה איז אַ מיידעל
זעהר טרוימעריש און איידעל.
דיכטער זיינען פאַר איהר—געטער!
וועלט־באַגליקער, מענשהייט־רעטער!

אין איהר ברוסטעל, אין איהר מידער,
ליגען בערג מיט ליבע־לידער.
טעגליך שטעהט זי אויף מיט סטראָפען
און זי געהט מיט סטראָפען שלאָפען.

מעהר פון אַלץ ליבט הינדע שרה
דעם באַריהמטען דיכטער אָרע,
וואָס איז וועלט־באַריהמט געוואָרען
מיט זיין הימנע „קרומער האָרן“.

פאַר דעם געטער־מענש, דעם אָרע,
איז זי ממש די כפרה.
און זיין אָדע „גרינער ענדיק“
שלאָפט ביי איהר אין בוזעם שטענדיק.

פון איהר ליבע צו איהר אָרע
האָט געטריקענט הינדע שרה.
כאָטש זי האָט געליעבט פּלאַטאָניש
איז איהר היץ געוואָרען כראָניש.

הינדע שרה׳ס ליבע מאַמע
האָט די זאַך דערשמעקט מסתמא,
און דעם מייסטער פון סאָנעטען
באַלד צו זיך אין הויז פאַרבעטען.

ווען די בלייכע הינדע שרה
האָט דערזען דעם דיכטער אָרע
מיט די פלאַקערדיקע אויגען,
איז איהר האַרץ צו איהם געפלויגען.

„אוי, ווי צאַרט ער איז, ווי איידעל!“
טראַכט פאַרליעבט דאָס יונגע מיידעל,
„ווי אַ קינד פון הימעל־געטער!
ווי אַ גייסט, וואָס שוועבט אין עטער.“

מאַמע גרייט דערווייל צום טיש,
יונגע הינדלאַך, וויין און פיש,
און מען זעצט דעם גראַמען־גיבור
הינדע שרה'ן קעגנאיבער.

„עסט!“ — דערמאָנט איהם הינדע שרה.
אָבער שטיל זיצט אונזער אָרע,
מיט אַ מינע אָנגעצויגען,
און ער זוכט וואָס מיט די אויגען.

„קענט איהר“, מאַכט ער, „מיסעס לעבען,
מיר אַ ציבעלקעלע געבען?
כ'קען נישט, האָט נישט קיין פאַראיבעל,
גאָרנישט עסען אָהן אַ צוויבעל.“

ווי אַ בליץ פון הימלען קלאָרע
טרעפט דאָס אונזער הינדע שרה.
ווי פון אַ פּאָגראָם אַ שווארצען
ווערט אַ חורבן אין איהר האַרצען.

„איז דאָס מעגליך? איז דאָס מעגליך?“
וויינט איהר וויטיק שטיל און קלעגליך,
„אַ פּאָעט, געאיידעלט, נאָבעל,
פרעסט גאָר ציבעלע, אויב נִיט קנאָבעל!“

און בעת דער אָרע „צוויבעלט“,
פּיהלט דאָס מיידעל, ווי איהר איבעלט.
ס'שטעכט זיין „כראָמשטש“ איהר ווי אַ דאָרן,
און זי טראַכט מיט צער און צאָרן:

דו פאַסקודנע שיפּע־זיבעלע!
פרעס נאָר גיכער אויף דיין ציבעלע,
דאַן פליהסט דו ביי מיר אַרויס
אויף צוויי שפּענדלאַך פונ'ם הויז!

אויף מיין געלעגער ביינאַכט

זים און רוהיג שלאָפט נאָר דער,
וואָס האָט זיינס געטאָהן.
נאָר דער מענש וואָס ארבייט שווער,
רוהיג שלאָפען קאָן.

ווייך און וואַרעם איז דאָס בעט
פאַר א מידען גוף.
טו דיין פליכט, ניט פיעל גערעדט!
דאָס איז דיין באַרוף.

אַלעם אַנדערע האָט קיין האַפט,
ס'איז נאָר רויך און ווינד.
האָסטו ניט געקאַרגט דיין קראַפט,
שלאָפסטו ווי א קינד.

הענד, וואָס האָבען שטונדען־לאַנג
דיר געדינט געטריי:
פיס, וואָס זיינען פונ'ם גאַנג
מיד און שווער ווי בליי.

אויגען, וועלכע פאַלען צו,
קאָפּ, וואָס האַלט זיך קוים—
שטאַרק און טיף איז זייער רוה,
זים איז זייער טרוים.

שלאָפסט און אָטעמסט, מיד און מאַט,
אויף דיין אָפּרו־אָרט,
אָפּגעשיידט פון בייזער טאַט
און פון פאַלשען וואָרט.

וואָס דער טאָג האָט דיר געבראַכט
אין זיין יאָג און האַסט,
פאַלט אראָפּ, אין שלאָף ביינאַכט,
ווי אַ שווערע לאַסט.

ווי מיט הימעל־שפּייז גענעהרט,
קרעפטיגט זיך דיין גייסט:
פליהסט, באַפליגעלט פון דער ערד
צו די שטערען, דרייסט.

שוועבסט אין טרוים־לאַנד פריי און פראַנק
מיט מלאכים גלייך;
נעמסט אַרום מיט איין געדאַנק
ס׳גאַנצע הימעל־רייך.

יעדער אָפּהאַלט פאַלט אַוועק,
יעדע וואַנט פאַרשווינדט.
דורך דער וועלט פון עק ביז עק,
פליהסטו מיט׳ן ווינד.

זעהסט דעם לעבענ׳ס טיפסטען סוד,
שפּירסט אויך זיין באַשייד,
און דו פיהלסט, דו ביזט אַ גאָט
אין אַן ערדיש קלייד.

קומט דער מאָרגען מיט זיין שוואונג,
וועקט דיך מיט זיין ליכט—
ביזטו ווידער פריש און יונג,
גרייט צו נייער פליכט.

אַלטע לידער

איך גלייך די אַלטע לידער
פון מיין באָבען און מיין זיידען.
ווי פריש און פול זיי זיינען
מיט עהרליכע פריידען און אמת'ע ליידען!

זיי שטראָמען ריין און איינפאַך
פון נאַטירליכע געפיהלען,
אָהן נעווראַטישע דריידלעך
און פסיכאָפּאַטישע „ציעלען".

זיי האָבען ניט קיין סודות
וואָס מ'דאַרף טייטשען אָדער „דרינגען".
עס קען זיי יעדען איינער
גרינג פאַרשטעהען, און טאַקע זינגען.

זיי שווימען לייכט און רייצענד,
ווי אויפ'ן וואַסער א גאָלדען פישעל.
זיי זיינען ניט געקינצעלט,
ניט געקוועטשט, ניט „ארטיפישעל".

זיי זיינען ניט קיין „לעמאָן"
מיט א געטאָקטען פאַלשען פּיטום.
א יעדע שורה זייערע
איז סאַי מעלאָדיע, סאַי ריטם.

די אַלטע, גוטע לידער,
וואָס מיין מאַמע האָט געזונגען,
האָבען, דאַכט זיך, אָט אזוי
אייביג אינ'ם וואַלד געקלונגען.

די פייגעל און די בוימער,
די האָניג־ביהנען, די פייער־פליגען,
זיי דריקען אויס אַזוי־אַ
זייער וועהטאָג און פאַרגעניגען.

אַזוי־אַ זינגט דער הימעל,
ווען אַ שוואַרצער וואָלקען פרעסט איהם.
אַזוי זיפצט יעדער עפּעל,
ווען אַ געלער וואָרעם פרעסט איהם.

מיין מאַמע האָט די ליבע
ניט פאַרשטאַנען „טעאָרעטיש".
נאָר איהרע ליבעס־לידער—
אוי ווי אמת'דיג און פּאָעטיש!

אַזוי ווי אַ פריהלינגס־ווינטעל
האָט מיך איהר ליד פאַרוויגט אין שלומער
און איינגעשטילט מיינע טרערען,
און פאַרטריבען מיין קינדישען קומער.

איהר לידעלע האָט געקלונגען
נאָך אין שלאָף פאַר מיינע אויערען,
און אין קעניגרייך פון חלומות
מיך געפיהרט דורך גילדערנע טויערען.

אָבער די נייע לידער
מיט זייער „מיסטיק" און „עסטעטיק",
זיי קענען ניט דערגרייכען
צו דער טיפעניש פון מיין וועהטאָג.

זיי בלייבען ליגען ווי שטיינער
אין די קנייטשען פון מיין מוח.
זיי קומען ניט צו צום האַרצען.
עס פעהלט זיי פּאָעטישער כוח . . .

אַלטעס און נייעס

כסדר זיך בייטען
די טעג און די שטונדען,
היינט—נייע צייטען,
די אַלטע—פאַרשוואונדען.

אָבער דאָס אַלטע
וואָס איז שוין פאַרגאַנגען,
האָט, פּונקט ווי דאָס נייע,
געוועקט דיין פאַרלאַנגען.

און פּונקט ווי דאָס אַלטע,
וועט זיין אויך דאָס נייע,
אָט לעבט עס — און אָט איז
שוין נאָך זיין לויה.

ווייל דאָס, וואָס פאַרגאַנגען,
און דאָס, וואָס געקומען,
איז פון איין שטיק געשניטען,
פון איין טאָפּ גענומען.

און אַלצדינג, וואָס לעבט נאָר,
טראָגט אין זיך דעם קערן,
פון וועלקען און בליהען,
פון שטאַרבען און ווערען.

דעריבער, מיין אינגעל,
ניט אייל זיך צו שעכטען,
צוליעב דיין יונג־הייסען היינט,
דעם אַלט־קיהלען נעכטען.

ניט רייס זיי פאַנאַנדער
מיט קראַפט און מיט צאָרן,
די עלטערע יאָהרען
פון די אינגערע יאָהרען.

צעשנייד ניט דעם בונד
צווישען דורות און דורות,
צווישען אַלטע אידעען
און היינטיגע תורות.

געדענק, יונגערמאַן,
אַז דו קומסט פון אַ שורש;
דיין טאַטע האָט געשאַפען,
און דו ביזט זיין יורש.

קיין אַבסאָלוט נייעס
עס קען גאָרניט געבען,
עס וואַקסט איינס פון צווייטען,
אַזוי איז דאָס לעבען.

און אַלצדינג, וואָס לעבט,
איז געקייטעלט, פאַרבונדען:
מענשען מיט מענשען,
און שטונדען מיט שטונדען.

דעריבער, מיין אינגעל,
ניט יאָג ווי אַ וויכער,
און מיין ניט, דאָס נייע
איז שוין אַבסאָלוט זיכער.

און דענק ניט, דאָס אַלטע
איז שוין נוצלאָז און נאַריש,
און מ׳קען דערויף טרעטען
רעספּעקטלאָז, באַרבאַריש.

פאַרשטעה דאָך, באַגרייף דאָך,
דו נאַרישער אינגעל,
אַז אין וואָגשאָל פון לעבען
רוהט קיינמאָל דאָס „צינגעל“.

מיר זיינען דאָך אַלע
ווי ווײַן אין אַ קעלטער,
וואָס יעדע מינוט
ווערט ער רײַפּער און עלטער.

אפילו דער אינגסטער
ווערט עלטער טאָג־טעגליך,
און אמת'ע „יוגענד"
איז איינפאַך אוממעגליך.

פאַרשטעה־זשע דאָס, אינגעל,
און זיי ניט קיין כעס'ן:
דו קענסט פון דײַן יוגענט
די עלטער ניט רײַסן.

דו מוזט זיי צוזאַמען
פאַרבינדען, פאַרוועבען,
ערשט דאַן וועסטו האָבען
די ג אַ נ צ ק י י ט פון לעבען.

פון יוגענד—דער אימפּעט,
פון עלטער—די לייצעס;
פון יוגענד—די אַרבייט,
פון עלטער—די עצות.

מיט אָט דעם געשפּאַן
פון כוח און מוח,
קענסטו פאָהרען, וויאָ!
ס'זאָל געהען אזש אַ רויך.

צו די יונגע

יוגענד! ווען דו געהסט אַרויס
אין דער וועלט,
געה און זיי אַ העלד!
אָבער פאַרברען ניט דיין טאַטענ׳ס הויז.

יוגענד! זיי זעלבסט-באַוואוסט!
מאַרשיר מיט קראַפט און מיט הילך!
דו דאַרפסט ניט מעהר דער מאַמע׳ס מילך—
אָבער בייס ניט דער מאַמע׳ס ברוסט!

יוגענד! בוי מיט שטאַרקע הענט
נייע פיר ווענט,
אַ נייעם דאַך און אַ נייעם קעלער,
און פענסטער גרעסער, העלער—
אָבער צעשטער ניט דעם פונדאַמענט!

יוגענד! דיין טראָט איז מונטער,
און פריי און דרייסט איז דיין גייסט,
ניטאָ פאַר דיר קיין מצוות און עבירות,
בייס פון יעדען בוים די פּירות!
אָבער דעם בוים האַקט ניט אונטער! . . .

יוגענד! דיין קראַפט איז בלינד,
דו זעהסט ניט, דו הערסט ניט,
דו טראַכסט ניט, דו קלערסט ניט,
דו פליהסט מיט׳ן ווינד!
דו קוקסט זיך ניט אום,
וואָס ס׳טוט זיך אַרום.
דו קוקסט נאָר פאָראויס
דאָך ניט אויף צוריק,
דו זעהסט ניט דעם שטריק,
וואָס בינדט יאָהר צו יאָהר
און קניפּט דור צו דור.

דיין מאָרגען, מיין פריינד,
איז דאָך נאָר אַ המשך
פון נעכטען און היינט.
די נייעסטע טאַטען
זיינען נאָר רעזולטאַטען
פון דאָס, וואָס געווען,
געטראַכט און געשעהן.

יוגענד! ניט פאַרדאַם
דיין אורשפרונג, דיין שטאַם!
דיין היינט האָט זיין שורש
אין נעכטיגע טעג,
און דו ביזט דער יורש
פון יענעמ'ס פאַרמעג.

יוגענד! הוליע פריי!
נאָר טרוסען האָבען בושה.
נאָר געדענק: ניט באַשפּיי
דיין טאַטענ'ס ירושה!
ניט פאַרשוועך, ניט פאַרשפּאָט
דיינע עלטערנ'ס גאָט!
ניט פאַרגעס, יונגער שנעק,
אין דיין ווילדען געיעג,
אַז אַלץ, וואָס דו האָסט
און אַלץ, וואָס דו ביסט,
דאָס אַלץ איז געוואַקסען
אויף דיין טאַטענ'ס מיסט . . .

אַ פייגעלע קלאַפּט אין פענסטער

(נאָכגעמאַכט)

באַדעקט מיט שניי איז פעלד און וואַלד,
אַ פויגעלע, הונגעריג און קאַלט,
קלאַפּט אין פענסטער פון פויער: „פּיק, פּיק!
עפען אויף, גוטער מענש, פאַר אַן אויגענבליק!
פאַרפרוירען איז די גאַנצע וועלט,
ניטאָ קיין קערענדעל שפּייז אין פעלד,
די בוימער זיינען פאַרגליווערט פון פרעסט,
פאַרשאָטען מיט שניי איז מיין וואַרימע נעסט.
פּיק, פּיק! עפען אויף און לאָז מיך אַריין!
דיין שטוב איז וואַרים—לאָז מיך דאָרט זיין!
מיט אַ טראָפּען וואַסער, אַ ברעקעלע ברויט,
וועסטו מיך ראַטעווען פון נויט און טויט.
פּיק, פּיק! גוטער מענש, האָב ניט קיין פאַראיבעל,
לאָז מיך אַריין אין דיין וואַרימער שטיבעל!"

דער פויער עפענט פון פענסטער אַ שפּאַלט,
און חוש! אין שטוב איז דאָס פייגעלע באַלד.
אין אָנפאַנג שרעקענדיג, נאָר פּאַמעלאַך,
פיהלט זיך דאָס פויגעלע פריי און פרעהלאַך.
עס פליהט און פלאַטערט פון אָרט צו אָרט,
פּיקט אויף אַ ברעקעלע דאָ און דאָרט,
באַגריסט מיט אַ לידעל דעם זון־אויפגאַנג,
און געהט אויך שלאָפען מיט אַ געזאַנג.

אַזוי פאַרגעהען די ווינטער־מאָנאַטען,
דעם פייגעלע איז גוט ווי ביי אַן אייגענעם טאַטען.
עס האָט אַ מאָלצייט, עס האָט אַ דאַך,
(אַ פייגעלע דאַרף דאָך ניט קיין סך),
עס דאַרף ניט הונגערען, עס דאַרף ניט זאָרגען
ניט פאַר היינט און ניט פאַר מאָרגען.

און ס'קען ארומפליהען פריי און פראנק
אויף יעדען פענסטער, טיש און באנק,
און זינגען לידער ווי א פּאָעט
פון מאָרגען פריה ביז אָוועגד שפּעט.

נאָר ווי ס'איז געקומען ענדע אפּריל—
דאָס פויגעלע איז געוואָרען שטיל.
געהאלטען די פליגעלעך איינגעצויגען,
און רק צום פענסטער געוואָרפען די אויגען,
כמעט ווי פארגעסען אָן טרינקען און עסען,
און רק ביי דעם ליכטיגען פענסטער געזעסען
און געקוקט און געקוקט, ארוים אין דרויסען,
צום פעלד דעם פרייען, צום וואלד דעם גרויסען.

דער פויער פארשטעהט דעם פייגעלע'ס צער
(ער איז א גוטער און ניט קיין נאר).
ער עפענט א פענסטער פון זיין הויז,
און הוש! דאָס פייגעלע פליהט ארויס,
און ווארפט זיך אריין אין דער פרייער לופט
און באָדט זיך אין זון און אין פריהלינגס־דופט.

דזשעין עדעמס

די צייטונגען דרוקען נאָך אַלץ נעקראַלאָגען
אויף דזשעין עדעמס טויט, און וויינען און קלאָגען;
„געשטאָרבען די הייליגע אייביגע מיידעל!
געווען אזוי גוט, אזוי פרום, אזוי איידעל!"

עס לויבען איהר אַלע מיט ווערטער פּאַעטיש,
די לויב־ווערטער אָבער זיינען נאָר טעאָרעטיש.
פון אַלע וואָס לויבען דזשעין עדעמס, און בענטשען,
נאָר וועניגע גלויבען אין ליבע צו מענשען.

אוואו נאָר א צייטונג, צו שווארצע, צו געלע,
באַשרייבט זי דזשעין עדעמס אין פאַרבען אין העלע.
און אַלע, וואָס העצען צו האַס און מלחמה,
זיי אַלע באַזינגען דזשעין עדעמס נשמה.

איך זיץ און איך לעז, און איך ווער שיער צושפּרונגען—
אפילו אין נאַצי־לאַנד ווערט „האָל האוז" באַזונגען!
די הויז וואו מ'האָט ליבע געפּרעדיגט צו ראַסען,
געלויבט ווערט פון מענשען, וואָס לעבען פון האַסען!

יאָ, רייד זיינען ביליג, זיי קאָסטען ניט טייער,
עס ריידען די רעדנער פּאַר וואַסער און פייער.
עס גיסט זיך מליצה פון אָוועגד ביז מאָרגען—
(ס'האָט קיינער זיך נאָך מיט זיין צונג ניט דערוואָרגען).

מ'שרייבט און מ'דאבערט אויף צעהן מיליאָן ערטער,
מיר ווערען דערטרונקען אין ימ'ען פון ווערטער!
נאָר אַלע די קונצען פון פּען און פון לשון,
זיי זיינען ניט ווערט קיין צובראָכענעם גראָשען.

ווער רעדט ניט פון ליבע? ווער זינגט ניט שלום?
ס'איז פונקט ווי א שכור וואָס פּלאַפּעלט פון חלום.
מ'באָדט זיך אין רייד און מען טרינקט זיך אין פראַזען,
און שטילערהייד מאַכט מען די טויטליכסטע גאַזען.

„דזשעין ערעמס, די שעהנע, די געטליכע זעלע"—
אַזוי שרייבען צייטונגען, שוואַרצע און געלע,
אין דייטשלאַנד, אין יאַפּאַן, אויף טויזענטער ערטער—
באַזינגט מען דזשעין ערעמס מיט גאָלדענע ווערטער.

ווייל רייד איז דאָ פּלענטי, ווי פּינאַטס און פּיקעל,
דאָך ליבע צו מענשען איז אַ זעלטען אַרטיקעל!
ס'איז היינט אַזאַ מאָדע (אַז אָך און אַז אַך):
וואָס גרעסער דער שורקע, אַלץ זיסער זיין שפּראַך.

געגראַמטע אַפאָריזמען

אין אַן אַלטען בוך
שטעהט עס געשריבען:
„בעסער אמת'דיג האסען,
איידער פאַלש ליבען".

* * *

ליבע—ברייננט פריינד,
נאָר צופיעל ליבע—ברייננט לייד.

* * *

יעדער האָט אַן אויג
פאַר יענעמ'ס פעהלערען.
ער דערזעהט זיי אפילו
אין פינסטערע קעלערען.
אָבער פאַר יענעמ'ס מעלות—פאַרוואָס
מוזען מיר האָבען אַ פאַרגרעסערונגס גלאָז?

* * *

ענטדעקט איהר אין אַ צווייטען
אייער אייגענעם חסרון,
וועט איהר יענעם שוין האסען
ביז צום אָרון.

* * *

ענטוישונגען זיינען ביטער היינט.
שפּעטער ווערען זיי אונזערע טייערסטע פריינט.

* * *

ווען יעדער זאָל קענען
זיין צופרידען מיט יענעם,
ווי מיט זיך אליין,
וואָלט די גאַנצע וועלט געווען
אוי, ווי צופרידען, אוי, ווי שעהן!

* * *

דער אַלטער אמת איז ביי די נייע—נאַרישקייט!
דער נייער אמת איז ביי די אַלטע: באַרבאַרישקייט!

* * *

אָבער ניט די אבות און ניט די בנים
קענען דעם אמת'ן אמת'עם פּנים.
דער אמת'ער אמת ליגט פאַרבאָרגען,
און מיר ווילען איהם דערזעהען—ערשט מאָרגען.

* * *

אמאָטאָרען האָבען ליעב די קונסט, איך פאַרשטעה!
אָבער די קונסט ליעבט ניט זיי.

* * *

די גרעסטע זאַך איז געמאַכט פון קליינע זאַכען.
דאָס לערענט מען אונז אין אַלע פאַכען.
צו קריגען אַ בילד פונ'ם גאַנצען לעבען
מוזען מיר מיט קליינינקייטען זיך פיעל אָפּגעבען.
באַטראַכט יעדע שרייפעל מיט קאָפּ און מיט זין,
אויב דו ווילסט קענען די גאַנצע מאַשין.

* * *

שנייד אָפּ אַ צווייג, אינגעל,
ניט ציטער פאַר'ן דאָרן!
און שניץ זיך אוים אַ שטעקען
פאַר די עלטערע יאָהרען.
דיין האַנד איז נאָך יונג,
און שאַרף איז דיין מעסער,
און דו קענסט דעם שטאָק נאָך מאַכען
קלענער און גרעסער.

* * *

באַשיידענהייט
איז ווי פאַרפיום אויף אַ קלייד.
אַ טראָפּען דערפון פילט־אָן די לופט
מיט אַ פיינעם דופט.
נאָר גיסט איהר אויף דעם
ארויף צו־פיעל,
רופט עס ארוים
אַן עקעל געפיהל.

אַ וועלט פון צו להכעיס

אין אונזער שטאָדט איז גרוים דער באַהן־פאַרקעהר
עס שניידען רעלסען זיך דורך אַלע גאַסען.
פאַרביי מיין וואוינונג פליהען הין און הער
עלעקטרישע וואַגאָנעס גאַנצע מאַסען.
נאָר טרעפט אַמאָל, איך וויל וואו טאָהן אַ פאָהר,
למשל, צו מיין לאַנדסמיידעל מיין שעהנער,
דאַן קען איך וואַרטען ביז איבער אַ יאָהר
אויף אַ וואַגאָן—קומט קיינער, קיינער, קיינער.

גנבים אַרבייטען גאָר אָהן אַן עק,
עס ברעכען איין אַפילו שוין נקבות.
און איך, איך געה אַרום אין הוילע שרעק
און ציטער טאָג און נאַכט נאָר פאַר גנבות.
נאָר זינט איך האָב פאַרזיכערט מיין פאַרמעג
אויף אַ מטבע טאַקע גאָר אַ שעהנער,
איז וואַרט איך אויף אַ גנב נעכט און טעג,
נאָר ס'איז אומזיסט—ס'קומט קיינער, קיינער, קיינער.

שוין לאַנג האָט די סטאַטיסטיק פעסטגעשטעלט
און ס'איז באַשטעטיגט פון די גרעסטע קענער,
אַז פרויען זיינען דאָ אויף אונזער וועלט
גאָר אָהן אַן ערך מעהרער ווי די מענער.
און אַלע ווייבער—דאָס פיהלט איהר בחוש—
זיי וואַרטען אויף אַ ליבעלע אַ קליינע.
גאָר גראַדע ווען איך ווילט זיך טאָהן אַ קוש,
אוי, דוקא דאַן קומט קיינע, קיינע, קיינע.

די כינעזער, נעבאַך!

דעם טשינקי איז ביטער,
דעם טשינקי איז זויער.
ער ליגט אין דער ערד,
ווי זיין כינעזישער מויער.
עס שלאָגט איהם דער אייגענער,
עס שלאָגט איהם דער פרעמדער,
ער טויג בלויז צום וואַשען
און אויספּרעסען העמדער.

ער האָט געגערעלען
וואָס טויגען אויף קלאָגען,
און זיינע סאָלדאַטען
טוען איהם אַליין שלאָגען.
דער יאַפּאַנטשיק צושיסט איהם
מיט זיינע קאַנאָנען,
און טשינקי שטעהט און וואַרט
אויף דער ליג פון נאַציאָנען . . .

דער טשינקי קען לעבען
מיט גאָר ווייניג שפּייז,
מ׳רויבט ביי איהם אָבער
אַפילו ס׳ביסעלע רייז . . .
מען לאָזט איהם בלויז איבער
פּאַרפּלייצונג, מגפות,
און חרוב׳ע טעמפּלען
און בירגער־קריג־שרפות.

אוי טשינקי, אוי, טשינקי,
דו, לעמעלע, שטומע!
ס׳איז דיר נאָך פיל ערגער
ווי דער אידישער אומה.
מיר שרייען כאָטש גוואַלד
ווען די וועלט שלאָגט דעם „יודע“,
דו שווייגסט פילאָזאָפיש,
ווי דיין הייליגער בודע (בודהא)...

אַ דאַנק־בריוועל פון כינאַ

טייערע פריינד, דעמאָקראַטישע לענדער!
דאָס רעדט ניט צו אייך אַ בערל, אַ סענדער,
אָדער אַן אַנדערער איד פון פּוילען,
וואָס שרייט גוואַלד, ווען מ׳טוט איהם קוילען.

דאָס רעדט ניט צו אייך אַ איד אַ נערוועזער,
דאָס רעדט צו אייך כינאַ מיט די כינעזער!

אַ איד, אַז מ׳נעמט איהם פּאָגראָמירען,
פאַנגט ער אָן שרייען, און פּראָטעסטירען.
מיט זיינע קולות וואָס שפּאַלטען דעם הימעל,
וועקט ער אייך אַלעמען אויף פון דרימעל.

מיר זיינען ניט אַזעלכע שרייער,
אונז איז דאָס לעבען גאָרניט אַזוי טייער.
ווען 400 מיליאָן מענשען פון הונגער פּלאַצען,
קענען זיי דאָס לעבען גאָר הויך ניט שאַצען.

זיינען מיר טאַקע מענשעלעך שטילע,
און אַז מ׳שלאָגט אונז, בעטען מיר מחילה.
מיר געהען אַרום מיט די הענט אין די טאַשען,
און אַז מ׳גיט אַ באַנדעל, טוען מיר עס וואַשען.

מיר לעבען און שטאַרבען שטיל און באַשיידען,
און קיינער ווייסט ניט פון אונזערע ליידען.

מיר קומען איצט צו אייך פון שאַנכאַי און נאַנקין,
ניט צו פּראָטעסטירען, נאָר אייך צו דאַנקען!
מיר פאָדערען ניט פון אייך, דעמאָקראַטען,
איהר זאָלט עפּעס טאָהן געגען יאַפּאַנ׳ס האַרמאַטען,
וואָס האָבען שוין באַלד גאַנץ כינאַ צושטערט,
און מאָרדען אונז אוים אויף אונזער אייגענער ערד.
חלילה וחס! מיר האָבען קיין טענה
צו אייך, דעמאָקראַטישע פעלקער פיינע.

מסתמא ווייסט איהר, אז אזוי דארף זיין.
איהר זיינט דאָך אזוי געבילדעט און פיין!
פול מיט קולטור און ציוויליזאציע,
און כינא איז אַן אַלטע אזיאַטישע נאַציע . . .
אין אייער גרויס חכמה ווייסט איהר אודאי
ווי אזוי צו פיהרען זיך מיט דעם מיקאדאָ.
איהר דענקט מסתמא, אז יאפאַנ׳ס שחיטה
איז טאַקע די ריכטיגע אייראָפּייאישע שיטה.
זי וועט אונז, זאָגט איהר, אזוי לאַנג באָמבאַרדירען,
ביז זי וועט אונז אַלעמען ציוויליזירען . . .

איז, ווי געזאָגט, מיר מאַכען קיין פּראָטעסטען!
מסתמא טהוט איהר אַלצדינג צו כינא׳ס בעסטען.
ווען אַלע כינעזער וועלען זיין פארניכטעט,
וועט די „כינעזישע פראגע" שוין זיין געשליכטעט . . .

בקיצור, ווי געזאָגט, איידעלע פריינד מיינע,
איך קום נישט צו אייך מיט קיין שום טענה.
איך בין בלויז געקומען אייך לויבען און דאַנקען
פאַר אייערע נאָבעלע רייד און געדאַנקען.

די שווייגענדע כינא קען מעהר ניט שווייגען,
ווען אזוי פיעל סימפּאַטיע מ׳טוט איהר צייגען.
מיר דאַנקען אייך פאַר אייערע פריינדליכע ווערטער,
אין לאָנדאָן, וואשינגטאָן און אַנדערע ערטער.

איהר רעדט אזוי הארציג וועגען אונז, כינעזער!
איהר וויינט אַפילו, און שנייצט זיך די נעזער.
איהר זידעלט יאפּאַן און איהר רופט זי מיט נעמען,
איהר זאָגט: „הערר קאַזאַק, זיי קענען זיך שעמען."

אַ דאַנק, דעמאָקראַטען! איהר איידעלע מענשען!
כינע וועט אייך אייביג דאַנקען און בענשען.
זאָל יאפּאַן פארענדיגען כינא׳ס פארוויסטונג,
אבי איהר דריקט אויס אייער „מאָראַלישע ענטריסטונג".

—פעברואר 6, 1938

ליעבעס בריעף

פון א טרעוולינג סיילעסמאן
צו זיין אייגען ווייב

אויך אין דער ווייטער פרעמד,
דענק איך, מיין לעבען, אן דיר,
ווען איך פארליר פון מיין העמד
א קנעפעל, אז וועה איז צו מיר.

ווען אין מיין זאק איך דערזעה
א לאך, ווי א קוואדער די גרויס,
פיהל איך א טיפען וועה,
איך בענק נאך דיר, איך געה אויס!

ווען אין מיין ראק ווערט צעטרענט
אן ארבעל, אדער דער זוים,
דאן שטרעק איך אויס מיינע הענט
צו דיר, מיין גאלד, אין דער היים.

ווען איך דערשפיר א ריס
אין מיינע הויזען, אוי־אוי!
דאן איז מיין בענקשאפט געוויס
גרויס צו דיר, מיין פרוי.

ווען איך קריג קרעמפען אין לייב
פון די לאנטש־רום עסענס, אוי־וועה!
אך, ווי איך בענק דאן, מיין ווייב,
נאך דיינס א גלעזעלע טיי!

ס'איז אסיען. איך ציטער און פריר,
מיין רוקען איז קאלט ווי מעש,
עס פעהלט מיר, מיין ווייב, אהן דיר,
די ווארימע אונטערוועש!

ווען אין דער פרעמד ווערט מיר שווארץ
פאר די אויגען, און ביטער אין מויל —
וואו ביזטו דעמאלט, מיין הארץ,
מיט דיין לעפעלע ריצין־אויל?

אויף פליגעל פון ליבע און גלוסט
פליהט צו דיר, מלאך, מיין זין,
ווען כ׳דארף צו מיין קאלד און מיין הוסט
קאמפאר־אויל און אספערין.

אבער אם שטארקסטען, אוי ווער,
בענק איך נאך דיר, מיין גאלד,
ווען א בלאנדינקע אויף בראדוועי
שווערט מיר, אז ז׳האט מיך האלד.

וואו ביזטו דעמאלט, א דזשין,
צו היטען מיין פאלשען שריט,
און מיך דערמאנען, אז כ׳בין
שוין א פארהייראטער איד? . . .

דאָס פּראָגראַם

ווען גאָט האָט באַשאַפן
די וועלט און דעם ים,
האָט ער געשאַפן אַלץ
לויט אַ פּראָגראַם.
אַזוי גלויבט דער איד
און אַזוי גלויבט דער גוי,
און אויך מאַדאַם וויסענשאַפט
גלויבט שוין אַזוי.

לויט אַ פּראָגראַם
איז ענטשטאַנען די ערד,
די זון, די לבנה,
דער מענש און דאָס פערד.
אַלץ איז באַשאַפן
לויט פּלאַן און פּראָגראַם
פון נוח הצדיק
ביז יורקע דעם חם.

פון דאַן אָן וויל קיינער
ניט טאָהן קיין זאַך סתם,
נאָר יעדער מוז האָבען
אַ פעסטען פּראָגראַם.
אַ יעטווידער נפש
וויל נאָכמאַכען גאָט
און אָהן אַ פּראָגראַמעל
ער מאַכט ניט קיין טראָט:

דער עקטאָר, דער זינגער,
דער העלד פון שטראַם גראַם,
ער פּלוידערט, ער נודיעט אייך
לויט אַ פּראָגראַם.

די ראַדיאָ פאַנפעט
בײטאָג און בײנאַכט,
נאָר אָהן אַ פּראָגראַם
ווערט דאָרט קײן זאַך געמאַכט.

אויף יעדער פאַרזאַמלונג,
אויף יעדען באַנקעט,
איז דאָ אַ פּראָגראַמעל,
לויט וועלכען מען רעדט.
עס ווערט אײער מאָהלצײט
פאַרוואַנדעלט אין סם,
ווען זײ פאַנגען אָן ספּיטשען
לויט דעם פּראָגראַם.

און אָט אַזוי פיהרט זיך
דער גאַנצער בים־באַם
פון אונזער פאַר׳צרה׳טען
וועלט־טאַראַראַם.
עס קלעפּט זיך קײן זאַך ניט,
עס האָט ניט קײן גראַם,
נאָר זאָגען זאָגט יעדער,
ער האָט אַ פּראָגראַם.

אין שאַפּ און אויף מיטינגס,
אין הויז און אין גאַס;
דער צימבעל, די פידעל,
די פּויק און דער באַס;
די פיהרער, די טוער
פון יעטווידען סאָרט,
זײ ריהרען זיך אָהן
אַ פּראָגראַם ניט פון אָרט.

ווען דריי אידען קומען
אריין אין אַ הויז,
וואַקסט תּיכף אַ טשערמאַן
צווישען זיי אויס.
און גלייך ווערט אַ מיטינג,
און מ׳הויבט זיך אָן פּלאַגען
מיט אַ גאַנצען פּראָגראַם
פון „וויכטיגע פראַגען“.

אַ־וואו נאָר אַ פּורצע,
אַ באָד־יונג, אַ פערד,
ער פּערעלט מיט טיקעטס
און גיט אַ קאָנצערט.
וואָס ער טוט, האָט ניט
קיין אידישען טעם,
אָבער ער נודיעט אייך
לויט אַ פּראָגראַם:

פון פרעמדע שפּראַכען

פריי פון לייד און זאָרגען

פון דעם אַלטען גריכישען דיכטער, אַנאַקרעאָן

פריי פון לייד און זאָרגען
לעב איך טאָג נאָך טאָג.
וואָס עס ברענגט דער מאָרגען,
ווער קען וויסען, זאָג?

זאָל דעם הערשער קווילען
זאָרג אין זיין פּאַלאַסט,
זאָל דער קמצן צעהלען
פון זיין גאָלד די לאַסט.

זאָל דער קעמפער טראַכטען
פון זיין זיעג און גלאַנץ,
און דער העלד זאָל שמאַכטען
נאָך אַ לאָרבער קראַנץ.

איך—פון לעבען זינג איך
און איך ווער ניט מיד,
און אין הערצער דרינג איך
מיט מיין פריידיג ליד.

דאָס ליד פון דער ליבע

פון בעלגישען דיכטער, ראַפאַעל ווערהולסט

אַ גרויע באָרד פאַרבינדען
מיט בלאָנדע האָר—
פון ווינטער און פון פריהלינג
מאַכען אַ פּאָר—
אָט דאָס קען טאָהן די ליבע!

דעם אַלטען קמצנ׳ם
האַרץ דערוואַרעמען,
ער זאָל אויף אָרימע
זיך דערבאַרימען—
אָט דאָס קען טאָן די ליבע!

אַן אַלטע מויד זאָל
פּלוצלונג בליהען
און ווי אַ רויז
אין פאַרבען גליהען—
אָט דאָס קען טאָהן די ליבע!

דער גראָבער פּויער,
אָהן מאַניערען,
זאָל פּלוצלונג ווי
אַ שטאָדט־מענש ווערען—
אָט דאָס קען טאָהן די ליבע!

דער גרינער האָם
זאָל שמייכלען ליעבליך—
און די מכשפה
זאָל קריגען חן־גריבלעך—
אָט דאָס קען טאָהן די ליבע!

פאַרבינדען דעם קעלער
מיט׳ן קוימען,
אין ברען פון שלאַכט
פון שלום טרוימען—
אָט דאָס קען טאָהן די ליבע!

די צושפּאָלטענע וואַזע

פון פראַנצויזישען דיכטער און דענקער,
סולי פּרודאָם

אַן איידעלע וואַזע
מיט דופּטענדע בלומען,
האָט פון אַ פרוי'ס פאָכער
אַ קלאַפּ באַקומען.
דער קלאַפּ—אַ צאַרטער,
אָהן אַבזיכט, אָהן צאָרן,
ס'האָט קיינער ניט געהערט
און ס'האָט קיינעם ניט געשטערט.
אָבער די וואַזע איז דערפון
צעשפּאָלטען געוואָרען.

אַ דינינקען שפּאַלט
האָט די וואַזע געקראָגען
פון דער איידעלער האַנט,
וואָס האָט זי געשלאָגען.
אָבער די רויז
אין דער וואַזע מיט וואסער
האָט אָנגעפאַנגען ווערען
אַלץ בלאַסער און בלאַסער.

די איידעלע וואַזע
האָט אָנגעפאַנגען רינען,
און קיינעם איז עס גאָר
ניט געקומען אויפ'ן זינען.
און די רויז האָט פאַרלוירען
איהר וואסער, איהר שפּייז,
שטיל, פּאַמעלעך, טראָפּען־ווייז.

די וואַזע האָט געבלוטיגט
דורך איהר קליינינקער וואונד,
און די רויז אין איהר הארצען
האָט פאַרלוירען איהר געזונט.
אַלץ וויינינגער וואַסער,
אַלץ וויינינגער רויט,—
ביז די רויז איז געוואָרען
פאַרוויאַנעט צום טויט.

אזוי פּאַסירט אָפט
מיט אַ הארצען, וואָס ליעבט,
און ס'ווערט, ווי ניט ווילענדיג,
פאַרוואונדעט, באַטריבט.

דער קלאַפּ איז אַ גרינגער,
ניט מעהר ווי אַ ריהר;
און דערלאַנגט פון אַ האַנט
וואָס איז אונז ליב אָהן אַ שיעור.

אַ מענשענ'ס האַרץ אָבער
איז אַן איידעלע זאַך,
פונ'ם מינדעסטען ריהר
קען עס קריגען אַ קראַך.

מ'הערט נישט דעם קראַך,
און מ'זעהט ניט דעם שפּאַלט,
ביז אין הארצען ווערט טרוקען
און די ליבע ווערט קאַלט.

ווייל טראָפּען נאָך טראָפּען
רינט אַרויס דאָס געפיהל—
ניט שפּילט זיך מיט הערצער!
אַ האַרץ איז קיין שפּיעל.

אויפ'ן וואַגשאָל

(ווען לעהמאַן איז געוואָרען גאָווערנאָר
פון ניו־יאָרק)

מיר פאַלען, מיר קלעטערען,
אַלץ נידריגער, אַלץ העכער.
אָט ליגען מיר אין קעלער,
אָט שטעהען מיר אויף דעכער.
און וואַרפט מען אונז ערגעץ
אַרונטער אין גריבער,
דערהויבט מען אונז ערגעץ
אַרויף און אַריבער.

אָט דאָס איז דער שיקזאַל
פון דער אידישער אומה.
זי וויגט זיך און וואַרפט זיך
צווישען ירידה און תקומה.
אַ וואָגשאָל אַרויף
און אַ וואָגשאָל אַרונטער.
אָט שטייגען מיר, אָט וואַקסען מיר—
אָט געהען מיר אונטער.

עס העלפט ניט קיין קרעכצען,
עס העלפען קיין קולות,
עס איז אונזער שיקזאַל:
צו ליגען אויף משקולות.
מיר הענגען אין לופטען
מיט אויסגעשפרייטע הענט
און שטייגען און פאַלען
אין דעם זעלבען מאָמענט.

עס ווינט זיך און צאַפּעלט זיך
די אידישע אומה
אויף דעם שרעקליכען באַלאַנס
צווישען טהרה און טומאה,
אַזוי איז דאָס געווען,
און אַזוי וועט עס בלייבען,
אַזוי לאַנג ווי היסטאָריע
וועט זיצען און שרייבען.

אין יעדען געראַנגעל
פון מעכטיגע כוחות,
עס זיצען און אַרבייטען
אידישע מוחות.
און אידישער שוויים רינט
פאַר'ן צדיק און רשע,
און אידיש בלוט פאַרבט
דעם ים ווי די יבשה.

אָ, שרעקליכער מזל!
אָ, הערליכער גורל!
אין דייטשלאַנד—א „שמוץ־יודע“,
אין ענגלאַנד—אַן אוירל!
אין פוילען—א „זשיד“,
אין רוסלאַנד—א דיקטאַטאָר!
אין רומעניען—א שרץ,
אין אַמעריקע—א גובערנאַטאָר!

װער קען מיר ערקלערען
דעם דאָזיגען טייערען
שרעקליכען װידערשפּרוך,
װילד־אומגעהייערען?
ס'איז ניט פאַר מיין שכל,
און אויך ניט פאַר אייערען.

מיר זיינען די מענשען
מיט די בלייבע געזיכטער,
און אונזער היסטאָריע
דאַרף שרייבען א דיכטער.
מיר צינדען אָן פלאַמען,
און מיר צינדען אויך ליכטער.
מיר זיינען די גע'משפּט'ע —
און אויבעט די ריכטער.

נײ־יאָהר 1939

צום נײעם יאָהר—אַ נײע ברכה
איך װינש דער װעלט, און זיך אַלײן;
אַ נײע, בעסערע מערכה,
אַ נײע, שענערע עפּאָכע,
אַ יאָהר פון פרײד און אָהן געװײן.

צום נײעם יאָהר—אַ נײע הײלונג
פאַר די װאָס לײדען נאָכאַנאַנד;
אַ יאָהר אָהן קרענקונג און אָהן קװײלונג,
אַ נײע בעסערע פאַרטײלונג
פון ברױט און רעכט אין יעדען לאַנד.

צום נײעם יאָהר—אַ נײ באַציהונג
פון מענש צו מענש, פון פאָלק צו פאָלק;
אַ נײע פרײנדשאַפטליכע גליהונג,
אַ געגענזײטיגע באַמיהונג
צו קומען ענדליך צו אַ טאָלק.

צום נײעם יאָהר—אַ נײער זײגער
זאָל אױסשלאָגען אַ נײע שעה!
באַגראָבט דאָס אַלטע יאָהר, דעם פּגר!
אַ נײער יאָהר—אַ נײער שטײגער,
און נײע האָפנונג דאָרט און דאָ.

און טאַטעס װעלען זײן מאַמעס

(א צוקונפט־בילד)

(אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר האָט ערקלערט, אַז ער האָט געפונען אַ מיטעל װי צו מאַכען פון טאַטעס — מאַמעס.
—פון די צײטונגען).

און עס האָט פּאַסירט אין די נײע צײטען,
װען די װײבער װילען רק פליהען און רײטען
און יעדען צװײטען טאָג די מענער בײטען,
אַנשטאַט צו זײן מאַמעס אַזױ װי בײ לײטען.

און הילדאַ, די „פרעשמען", האָט אַזױ לאַנג געשטודירט,
און מיט פוטבאָל־העלדען געראָמאַנסירט,
ביז זי האָט אַ נאַרישען בחור פאַרפיהרט
און זײן אומשולד, נעבאַך, אין גאַנצען רואינירט.

און עס האָט לאַנג ניט געטין טאָן נעמען,
און דער בחור האָט אָנגעפאַנגען זױגען אַ לעמאָן . . .
און הילדאַ האָט געמוזט, מיט פאַרדראָס און קלעמען,
געהען מיט איהם חתונה פּאַפּירען ארױסנעהמען.

און עס זײנען פאַרבײ נײן חדשים געשװינד,
און הילדאַ'ן איז געװאָרען װעה און װינד.
זי איז צו צום טעלעפאָן: „שנעל, דאָקטאָר, געשװינד!
מײן זלמן, זאָל לעבען, געהט צו קינד!"

און גאָט האָט געהאָלפען דעם קימפּעטאָר,
און ער האָט געבאָרען מײדלעך אַ פּאָר.
(און װעהרענד איהר זלמן איז נאָך געלעגען אין קימפּעט
האָט הילדאַ בײ אַ שכנה שױן ברידזש געשפּילט מיט אימפּעט).

און זלמן האָט געוויגט און „געטענדעט“ דעם צווילינג,
און פון טאָג ביז נאַכט ניט געוואוסט קיין חילוק.
נאָר דער צווילינג האָט געדאַרט, און זלמן האָט געהוסט—
ער'ט נעבעך ניט געהאַט גענוג מילך אין ברוסט.

און זלמן האָט געטריקענט און גע'חושך'ט און געשמאַכט,
און אַז הילדאַ איז געקומען נאָך האַלבע נאַכט,
האָט זלמן איהר יעדען טאָג סקאַנדאַלען געמאַכט,
נאָר הילדאַ האָט יעדען טאָג אַ נייעם תירוץ געבראַכט.

און זלמנ'ס פאַרצווייפלונג איז געוואָרען אַלץ גרעסער,
ביז ער איז אַוועק צו דעם גרויסען פּראָפעסאָר,
וואָס מאַכט פון טאַטעס—מאַמעס און פון שליסלען—שלעסער,
און איהם אַריינגעשטאָכען אין האַרצען אַ מעסער.

די טשינקים קענען אויך!

איך זאָג עס מיט אַ סאַטיספעקשאָן און אַ „יוכץ״:
די טשינקים קענען אויך דערלאַנגען גוט אַ בוכץ.
זיי קענען אויך מיט בלוט פאַרפּלייצען!
איהר דאַרפט זיי נאָר גאַנץ שטאַרק צערייצען.

דער טשינק שטעהט רוהיג און פלעגמאַטיש ביי זיין פּרעסעל,
ער קען אַזוי זיך אָפּאַרבייטען אַ מעת־לעת׳ל,
און שווייגען ווי אַ קוה אין שטאַל,
יאָ—ביז עס פּלאַצט אין איהם די גאַל.

נאָר ווען די גאַל אין שטילען טשינקי גיט אַ פּלאַץ,
דאַן לאָזט ער ברענען אייער דרעס־שוירט מיט׳ן לאַץ,
ער וואַרפט די „ספּאַנטש״ און כאַפּט דעם "גאַן"
און שרייט צום שונא: פּאַשאַל וואָן!

דער טשינקי רעגט זיך אויף נאָר איינמאָל אין אַ שמיטה,
נאָר ווערט ער בייז—דאַן ווערט דערפון אַ שחיטה:
ער קוילעט זיך, ער קוילעט יענעם,
ער טרעט ניט אָפּ, כאַטש בראָט און ברען איהם!

אָ, דעמאָלט איז דער טשינקי שוין ניט מעהר קיין ראַפּטשיק,
ער עסט זיך איין מיט צייהן און נעגעל אין דעם יאַפּטשיק.
דער יאַפּטשיק שרייט: איך האַלט דעם טאָטער!
און קלערט: ווי ווערט מען פון איהם פּטור? . . .

איך גלויב, דער יאַפּ האָט זיך דאַ איינגעהאַנדעלט מפטיר,
ער זיגט—און דאָך ליגט ער אין דער ערד ביין קלאַפּטער.
ער שיסט, ער קנאַקט, עס גערט אַ רויך,
דער טשינקי אָבער—ער קען אויך!

—מאַי 1938

אַדיע, פּעגאַז!

אַדיע, פּעגאַז, דו קינד פֿון דער מעדוזע!
פֿאַרטריקענט איז דער לידער־קוואַל אין העליקאָן.
עס קומט דער סוף. פֿאַרשוואונדען איז די מוזע!
זי שפּילט איצט אין אַ נאַכט־קאַפֿעהויז אויף אַ סאַקסאָפֿאָן.

דער ווײַן איז טריב. דעם בליץ פֿון דײַנע שפּאָרען
באַמערק איך מעהר נישט אין זײַן גאָלדען שײַן.
נאָר בוטלעגער און אײדעלע סענאַטאָרען
  פֿאַרמאָגען הײַנט צו טאָג אַ בעכער עכטען ווײַן.

און פֿאַר די ווײַבער וויל איך דײַנע גלידער
  אודאי מעהר נישט פּלאָגען, פֿערדעל פֿלינק.
אַך, געטליכער, די פֿרוי וויל הײַנט קיין לידער
און אויך קיין ליבע ניט,—זי וויל אַ דימענט־רינג!

זי זוכט נישט מעהר קיין בחור'ל מיט וואָנסען,
וואָס זאָל איהר זינגען אונטער בליהענדיגען בעז!
די מויד זוכט הײַנט אַ חתן דורך אַנאָנסען
און דורך אַ טענצעל, ביים געבראַזג פֿון דזשעז.

פֿאַרפֿאַלען, טײַער לאָשיקעל, פֿאַרפֿאַלען.
וואָס צאַפּעסלסטו זיך נאָך? דו ביזט אַ מת.
מען דאַרף הײַנט לידער נאָר פֿאַר טויט־געבוירענע זשורנאַלען
און אַלם דעקלאַמע פֿאַר אַ נײַעם קעז.

אַדיע, פּעגאַז! די שטונדע האָט געשלאָגען
צו מעלדען אין דער צײַטונג אונזער טויט.
איך געה מײַן לירע אין לאָמבאַרד איצט טראָגען—
עס ווילט זיך פֿאַר'ן שטאַרבען נאָך אַ שטיקעל ברויט!

נאָר אײנמאָל נאָך, מײַן פֿרײַנד, נישט זײַ צו מיר קיין שלעכטער,
פֿיל־אָן מײַן כוס מיט ביטערען דיכטער־גליק
און שענק מיר נאָך אויף גיך אַ גראַם צו „ווילד געלעכטער"—
דאַן גײ, מײַן פֿערד, מען וואַרט אויף דיר אין וואורשט־פֿאַבריק . . .

פאַרטייטשונגען פון ענגלישע ווערטער און אויסדרוקען

א

אַרטיפישעל—קינסטלעך
אַפּוינטען—באַשטימען
אָוקשאָן—ליציטאַציע
אַפּ־טאַון—אויבען אין שטאָדט

ב

באַיער—איינקויפער
באַדער ניט—דאַקוטשע ניט
בראָנקס—צפון טייל פון שטאָדט ניו־יאָרק
באַרגיין—אַ מציאה
בענקער—באַנקיר
באָרדער׳טשקע—קוואַרטיראַנטקע
בראָדוויי פּראָדאָקשאָן—אַ טעאַטער ספּעקטאַקל ווי מ׳זעהט אויף בראָדוויי, ניו־יאָרק
באָנדעל—פּעקעל
בענג—בראַזג
בעיט—פאַרלירען אין קאָרטען
בשעת הדחק — „ראָש האור״, די שטונדע ווען מ׳לויפט פון און צו דער אַרבייט.
באָס—באַלעבאָס

ג

גלייך—ליעב
געז—גאַז
געמבעל—ריזיקאַלישע שפּיעל

ד

דעפּרעשאָן—עקאָנאָמישער קריזיס
דעסק—שרייב־טיש
דעמפּ—פייכט

דרעס—קלייד
דראָג סטאָר—אַפּטייק
דאון־טאון—אונטען אין שטאָדט
דזשאָב—שטעלע
דזשון—יוני
דזשעקעלעך—אינגלעך
דזשין עדעמס — באריהמטע אַמעריקאַנער מענשען־פריינדין און שלום־ליבהאָבערין.

ה

העם—קאָלבאַס
האַט ענאָף?—גענוג היים?
העמאק—היינג־בעטעל
האָל האַוז—דזשין עדעמס'עס אינסטיטוט אין שיקאַגאָ
האַיק—שפּאַציר
העפּי ניו יער—לשנה טובה!

וו

וואקיישאָן—וואקאציע, אָפּרוה
וואולענס—וואָלענע סחורה
וואוטער—וועה עס שטימט ביי וואהלען
והאַט'ם די יוז?—וואָס קומט ארוים?
והאַט די העל—צום טייפעל!
והאַט קען יו מעיק?—וואָס קען מען זיך העלפען?

ז

זו—זאָאָלישער פּארק

ט

טעקסען—ארויפלייגען שטייערען
טענעמענט—גרויסע געביידע פאר אָרימע
טרענטש—אַ שוץ־גרוב פאר סאָלדאטען אין שלאכט

טענטס—זומער־ביידלאך
טו לעט—צום פארדינגען
טראַיען—פּרובירען
טוט פּעיסט—אַ זאַלב צום רייניגען ציין
טאַיפּ—מין
טרעוולינג סיילסמאַן—געשעפטס־רייזענדער
טשענס—שאַנס, געלעגענהייט
טשיקען—הוהן

י

יונאָו—איהר פארשטעהט

ל

לאַיף סייווער—לעבענס רעטער
לאַנטש־רום—רעסטאָראַן צום שנעל אָפּעסען
ליפּסטיק—שמינק פאַר די ליפּען
ליקער—פאַרשידענע סאָרטען שנאַפּס
לעמאַן—לימענע

מ

מאַני—געלד
מאַי האַני—מיין האָניג, זיסקייט
מאַנקי—אַף, מאַלפּע
מערי קריסטמעס—פרעהליכע וויינאַכטען
מון—לבנה
מעיבי—אפשר
מיטינג—פאַרזאַמלונג, זיצונג
מאַסקיטאָס—מוקען

נ

נעקטאַי—שניפּס, קראַוואַט
ניפּעלס פאַר בייבים—גומענע צוויגערלעך פאַר קליינע קינדער
נאָ סער—ניין, מיין האר
נאַטהינג—גאָרנישט

ס

סינגעל—אליין, א בחור

סיטיזען—בירגער

ספרינג קלינינג—רייניגונג לכבוד פריהלינג

סוויט קרים—זיסע סמעטענע

סינק—וואש־בעקען

סאָבוויי—אונטערגרונט באהן

סטאָר—קראָם

סטראפּ—ריעמען, פּאַס

סיילסמאן—משרת אין א געשעפט

סאָדאָ סטענד—א פּלאַץ אין גאַס וואו מען פארקויפט סאָדאָ וואסער צו פארבייגעהער

סלענג—גאסען־שפּראך

סלאָו—לאנגזאם

סלעק—צייט ווען ס'איז ניטאָ קיין ארבייט

סעמען—א פיש אזא

סאָסייטי—געזעלשאפט

סוירטיפאַיד טשעק—א זיכערער טשעק מיט א באשטעטיגונג פון דער באנק אז ס'איז פאר איהם דאָ געלד

ספּיטש—רעדע, דרשה

ע

„עפּלען"—פארקויפען עפּעל אין גאס, אין צייט פון קריזיס

פּ

פּינאטס—אזעלכע ניסלעך

פּיקעל—זויערע אוגערקע

פּלענטי—גענוג

פּאָליש—א שמירעכץ צום פּוצען שיך

פּענטס—הויזען

פּיידע—שכירות

פּליעז—ביטע

פּיסטעל—רעוואָלווער

פליין—איינפאַך, פּראָסט

פּייפּער—צייטונג

פּלעזשור—פאַרגעניגען

פּיעס אָן אוירטה ענד גודוויל טו מען—
פרידען אויף דער ערד און גוטער ווילען צו מענשען

פּיער — אַ פאַרוויילונגס פּלאַץ אויפ'ן ים, געבויט אויף הויכע סלופּעס

פּאַטעיטאָ—קאַרטאָפעל

פ

פעטער—אייגענטימער פון אַ לאָמבאַרד

פול מעזשור—אַ פולע מאָס

פלעפער—יונגע, פאַרשייטע מיידעל

פרידזשערייטאָר, רעפרידזשערייטאָר —
עלעקטרישער אייז־קאַסטען, צו האַלטען פריש די עסענוואַרג

ק

קאַלער—קראַגען

קאָם אָן!—קום! אַנו!

קווינעלעך—קעניגינס, מיידלעך (אין קאָרטן)

קעשיר—קאַסירער

קאונסילאָרס—אויפפּאַסער

קלוירק—אָנגעשטעלטער אין אַ קאָנטאָר

קאָנטרי—דאַטשע

קריסטמעס—וואַינאַכטען

קאַקראָוטש פּאַודער — אַ פּראָשעק געגען פּרייסען, קנאַפּערס און אַנדערע קריך־חיות

ר

רענט—דירה געלד

רעסעפּשאָן קאָמיטע—באַגריסונג קאָמיטעט

„רייבט א גיים"—שפּיעלט אין קאָרטען

רעילראָוד—אייזענבאַהן

ש

שאַוער—שפּריץ־באָד

אַ וואָרט פון דעם קאָמיטעט

געוועהנליך פיהרט זיך, אַז אַ יובילאַר קריגט ביי אונז אַ באַנקעט. וואָס טהוט מען אָבער מיט אַ אידען וואָס וויל ניט קיין באַנקעט?

איז אונז איינגעפאַלען, אַז אויפ'ן פּלאַץ פון אַ באַנקעט וועלען מיר איהם געבען אַ בוך, און טאַקע פון זיינע אייגענע לידער.

מיר האָבען אויסגעקליבען זיינע „לייכטערע זאַכען", די צייט און געלעגענהייט לידער. ערשטענס דערפאַר, ווייל ער איז דער סיטי עדיטאָר פון דעם פילאַדעלפיער „פאָרווערטס", און די מעהרסטע לידער אין דעם בוך האָבען זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס"; און צווייטענס, ווייל די דאָזיקע לידער שפּיגלען אָפּ דעם גייסט פון אונזער צייט, די ליכטיגע זייט אַזוי גוט ווי די שאָטען זייט.

און נאָך אַ זאַך: דאָס זיינען אידיש-אַמעריקאַנישע לידער, —אַ זאַך וואָס איז כמעט ניט בנימצא אין דער אידישער ליטע-ראַטור. ווי אַזוי שפּיגעלט זיך אָפּ דאָס לעבען און דער שיקזאַל פון די אידען אין דער וועלט, און פון דער וועלט אין אַלגעמיין, אין דער נשמה פונ'ם בעוואוסטזיניגען אַמעריקאַנעם אידען? אָט דאָס, דאַכט זיך, קענט איהר געפינען דורכלעזענדיג דר. קעסנער'ס „געטראַכט און געלאַכט".

מיט דער דאָזיקער מתנה, וועלכע איז אַפּילו פון אַ ליטע-ראַריש-פּאָעטישען שטאַנדפּונקט אַנדערש פון די געוועהנליכע מתנות, דריקט אויס דער קעסנער יובילייַ קאָמיטעט זיין אַנער-קענונג צו איינעם, וואָס האָט אויף זיין שטאָלץ-באַשיידענעם אופן זעהר אַ סך געהאָלפען דער פילאַדעלפיער ארבייטער באַ-

ווענונג, און דעם היגען אלגעמיינעם אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען, און האט אויף זיין אופן באריכערט דאס אידישע ווארט.

מיר, וואס קענען קעסנער'ן, פיהלען, אז קיין סך אזעלכע מענשען און אזעלכע טאלאנטען פארמאגט נישט די אידישע ליטעראטור און די אידישע זשורנאליסטיק, און מיר קענען נאר ווינשען, אז וואס מעהר אידען וועלען זיך באקענען מיט דעם דאזיקען בוך און אין זיך איינזאפען דעם אפטימיסטישען גייסט מיט וועלכען עס איז דורכגעדרונגען.

דער ל. קעסנער יובילייר קאמיטעט

ה. בערגער, פארזיצער
פ. סיימאן, סעקרעטאר
ה. פינקעל, קאסירער

פילאדעלפיע, מאי 1939